STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13128

TRUKENE BEYNER

Arnold Posy

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-13128-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657131289T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אריה פאזי

טרוקענע ביינער

א
פורים
שפיל
אין
איין
אקט
פון
די
פיר
זין
פון
דער
הגדה

יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פארלאג
פון
Max
Jankovitz,
181
East
Broadway,
New York,
N. Y.

אריה פאוי

טרוסטענע ביינער

זעקסטע שפּיל

פון די

פיר זין פון דער הגדה

בעלא'ן א מתנה

צענטראלע יידישע פּובליקאציעס
צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פּרעסע ארכיוו

פערזאנען:

דער טאַטע: גאָר א גוטער טאַטע, וועלכער האָט זיינע קינדער זייער ליב, און אז די קינדער לייגן זיך שלאָפן, זיצט ער ביי זייערע בעטלעך און דערציילט זיי מעשיות. מעשיות זיינען טאַקע שיין, אָבער ניט אַלע זיינען זיי פריילעך. אַנדערע זיינען טרויעריק. טרויעריקע מעשיות זיינען דאָ אומעטום, איבערהויפּט אין דער אידישער געשיכטע. זי איז כמעט אינגאַנצן אָנגעפילט מיט צער. צער רופט אַרויס העלדנמוט. האָט דער טאַטע, דעריבער, דווקא ליב צו דערציילן צו זיינע קינדער מעשיות פון דער אידישער געשיכטע — סיי פון דעם צער און סיי פון דעם העלדנמוט. שרעקט זיך אָבער —

די מאַמע: זי האָט מורא, אז דורכדעם וואָס דער טאַטע דערציילט זיי פאַרן שלאָף טרויעריקע געשיכטעס, וועלן די קינדער: —

שלמהלע,
יודל און
פייגעלע

זען בייזע חלומות. —

און די מאַמע איז טאַקע גערעכט: אירע קינדער זיינען זייער עמפּינדלעך, און, אָנהערנדיק זיך אין דעם דאָזיקן פּורים־טאָג מיט פאַרשיידענע מעשיות, ווילן זיי גאָרניט איינשלאָפן, און ווי נאָר טאַטע־מאַמע לאָזן זיי איבער אַליין אין זייער שלאָף־צימער, פאַרבעטן זיי צו זיך די פאַרשיידענע העלדן פון געשיכטע און זיי פאַרברענגען מיט זיי די נאַכט.

צווערשט קומען צו זיי זייערע באַקאַנטע פון אַמאָל, די —

פיר זין פון דער הגדה.

מיט די דאָזיקע פיר זין האָבן זיי זיך באַקאַנט נאָך פאַראַיאָרן פּסח צום סדר. און ווייבאַלד די פיר זין האָבן זיי דערציילט, אז אין דער הגדה זיינען זיי בלויז פאַרשריבן אָבער אויף דער

וועלט געפינען זיי זיך תמיד און אומעטום, — מאכט דאך
ניט אויס, אז זיי זאָלן זיך מיט זיי טרעפן אויך אום פורים.
דער עלטסטער פון די פיר זין איז —

דער חכם. אים האָבן די קינדער זייער גערן, וואָרים, אז ער
איז דאָ, קענען זיי דורך אים ארייננקוקן אויך אין דער צו־
קונפט און דערקוויקן זייערע הערצער מיט אזעלכע שיינע
בילדער, וועלכע עס האָט אמאָל געזען —

יחזקאל הנביא.

עס דערציילט אונדז וועגן דעם דער תנ"ך א שיינע מעשה:
יחזקאל איז אמאָל געקומען אין א טאָל וואָס איז געווען אָנ־
געפילט מיט טרוקענע ביינער. האָט יחזקאל געלאָזט רופן זיין
נבואישן גייסט און די ביינער זיינען צוריק לעבעדיק גע־
וואָרן. ווער איז געווען יחזקאל הנביא? — פון אָט דער
שפּיל ווערט קלאָר, אז יחזקאל איז געווען ניט קיין אַנדערער
ווי דער חכם פון דער הגדה.
גוט וואָס דער חכם קומט צו די קינדער, וואָרים ער פאַרהיט
זיי אויך פון אַל דאָס בייז און איבערהויפּט — פון זיין ברו־
דער, וועלכער איז דער בייזער גייסט פון דער ערד, דער אמת־
דיקער —

רשע פון דער הגדה, וואָס וויל אָנשטעקן די קינדער מיט א
ביטערער קרענק און וואָס ער פאַרקליידט זיך אין פאַרשיי־
דענע געשטאַלט — אין געשטאַלטן פון טאָרקוועמאדאַ, פון
באָגדאַן כמעלניצקי, און פון —

המן, דער דאָזיקער בייזער המן, וואָס, ווייל ער איז בייז געווען
אויף איין אידן, האָט ער זיך געקלינגט אויסצוהרגענען דאָס
גאַנצע אידישע פאָלק. דאָס האָט זיך אים דאָן ניט איינגע־
געבן, ווייל ער איז געשטערט געוואָרן אין זיין עצה, פון —

אסתר, וואָס איר אמתער און אידישער נאָמען איז גאָר געווען
הדסה, אָבער אזוי ווי זי האָט געלייקנט איר אידישקייט, האָט
זי אָנגענומען א פערסישן נאָמען, ווייל אזוי האָט איר גע־
לערנט צו טאָן איר דערציער —

מרדכי, וואָס כאָטש ער איז אויך געווען א איד, אָבער ארויס־

געגעבן האָט ער זיך פאַר אַ פערסיאַנער און אָנגענומען אַ
פערסישן נאָמען. געטאָן האָט ער עס דערפאַר, וואָס ער איז
געווען —

דער תם פון דער הגדה און אויף קיין בעסערס האָט ער קיין
שכל ניט געהאַט. און ווייל ער האָט קיין שכל ניט געהאַט,
האָט ער געראַטעוועט דאָס לעבן פון —

אחשורוש, דעם דעספּאָטישן און נאַרישן קעניג, וואָס האָט
געדריקט און גערויבט זיין פאָלק און אים אַזוי פאַראָרימט,
אַז דאָס פאָלק האָט קעגן אים געוואָלט מאַכן אַן אויפשטאַנד,
און, מיט דער הילף פון —

בגתן און —

תרש וואָלטן זיי פאַרניכטעט די בייזע ממשלה פון אחשורוש,
ווען — ווען ניט מרדכי, וועלכער האָט זייער פּלאַן גע־
שטערט.

עס זיינען צווישן די פאָלקס רעוואָלוציאָנערן געווען:

דער פאַסטוך,
דער גאָלדשמיד,
דער פויער,

קנעכט, אַרבעטער, פויערים,——זיי אַלע אונטערדריקטע, באַ־
רויבטע און פאַרמאַטערטע, כדי — קעניגע און שררות זאָלן
קענען שיכורן און הוליען.

און ווען מלכים און שררות צעהוליען זיך, ווערן זיי בלוט־
דורשטיק און זיי אַרט ניט צי ווער איז שולדיק צי ניט, און עס
פאַלן דאַן אַ סך אומשולדיקע קרבנות, און דער אומשולדיק־
סטער פון זיי אַלעמען איז דער פערטער זון פון דער הגדה —

דער תם ביז גאָר, וואָס אים איז אַלעמאָל באַשערט צו
שטאַרבן זייער יונג און נאָך איידער ער האָט זיך אויסגע־
לערנט די חכמה פון דער וועלט — איז ער דעריבער אויף
אייביק פאַרבליבן דאָס וואָס ער איז. דאָס מאָל איז ער אין
זיין געשיכטלעכן געשטאַלט געווען דער קליינער —

ויזתא, המנס אינגסטער זון, וואָס ער איז געווען ניט שול־
דיק געווען אין זיין טאַטנס רשעות, וואָרים ער איז דאָך דאַן

נאָך גאָר אַ קליינינקער געווען און ער האָט גאָרניט פאַר־
שטאַנען, — דאָך האָט אים מרדכי אומגעבראַכט מיט המנען
צוזאַמען.
די איצטיקע מעשה איז אָבער אַ מעשה מיט אַ גוטן סוף, און
דער גוטער סוף איז דער סוף, וואָס אויף אים האָט אַמאָל
נביאות געזאָגט ישעיה הנביא, אַז —
מיט דער צייט וועלן אַלע שווערדן פון דער וועלט צעשמאָלצן
ווערן אויף אַקער־אייזנס, עס וועלן ווערן אויס מלחמות, פעל־
קער וועלן לעבן אין פרידן, און —
דער לייב, דער לעמפערט, דער וואָלף וועלן אָנהייבן עסן
גראָז און זיי וועלן זיך פיטערן צוזאַמען מיט —
קעלבעלע און שעפעלע, און מיט אַ פּאַלמען בלעטל אין האַנט
וועט זיי פירן דאָס —
פּאַסטוך־אינגעלע, וועלכער איז ניט קיין אַנדערער ווי אונדזער
באַליידיקטער תם ביז גאָר, וואָס, ווען די וועלט וועט אויס־
געלייזט ווערן, וועט ער ווערן דער פּאַסטוך פון פרידן אויף
דער וועלט און איינער פון די גליקלעכע —
קינדער פון אַלע פעלקער.
אָט דאָס איז דער סוף פון דער מעשה, אָבער מען דאַרף דאָ
ווידער אַמאָל דערמאָנען, אַז אָט די גאַנצע מעשה, הגם זי איז
טאַקע געשען און וואָס דער סוף אירער וועט מיט דער צייט
אויך געווים געשען, דאָך האָבן די קינדער זי געזען בלויז אין
זייער חלום. און דעם חלום האָבן צו זיי געבראַכט, ווי גע־
וויינטלעך, די —
מלאכים פון חלומות, וואָס קומען צו די קינדער אין צימער
און טאַנצן דאָרט דעם מלאכים טאַנץ.
און ווען די קינדער טרעפן זיך מיט אחשורושן און קומען
אַריין צו אים אין פּאַלאַץ, איז דאָך נאַטירלעך אַז דאָרט זאָלן
זיך געפינען:
אַפּיצירן, וועכטער, סריסים און קעניגס דינער.

א שלאָפצימער פאר זיך אליין, און א שיינעם שלאָף צימער, פאַרמאָגן די צוויי ברידער שלמהלע און יודל און זייער קליין שוועסטערל פייגעלע. רעכטס, אין ווינקל שטייט א ברייטע בעט, און אין איר שלאָפן צוזאמען שלמהלע מיט יודלען; לינקס, אויך אין ווינקל, שטייט א שמאָל בעט און אין איר שלאָפט פייגעלע. צווישן די צוויי בעטן איז דאָ אין וואנט א קאמין, און אזוי ווי איצט איז נאָך ווינטער, ברענט אין אים פייער. דאָס פייער האלט שוין ביים אויסגיין. איבערן קאמין הענגט אַן עלעקטריש לעמפל פארהאנגען מיט א געדיכטן אבאזשור, וואָס לאָזט דורך זייער ווייניק ליכט אין צימער, כדי די קינדער זאָלן ניט זיין געשטערט אין זייער שלאָף און אויך אין דער פינצטער זאָלן זיי ניט פאַרבלייבן. פון ביידע זייטן קאמין זיינען דאָ פענצטער. אין די ווענט, רעכטס און לינקס, זיינען דאָ צו טירן. לעבן דער טיר, רעכטס, געפינט זיך א נידעריקער ביכער שראנק און לעבן אים — א שרייב טיש.

סאיז היינט פורים און סאיז שוין נאָך דער סעודה און אויך די פורים שפילער האָבן שוין אָפגעשפּילט. ליגן שלמהלע, יודל און פייגעלע אין זייערע בעטן און איידער זיי שלאָפן איין דערציילט זיי זייער טאטע א מעשה.

פייגעלע איז אָבער געווען אזוי שלעפעריק, אז זי איז איינגעשלאָפן אינמיטן דער מעשה. שלמהלע-יודל הערן זיך אָבער איין. די מעשה איז אזוי אינטערעסאנט, אז אפילו די מאמע שטייט אויך דערביי און הערט זיך צו. סאיז ניט קיין פריילעכע מעשה. פאַרקערט, זייער א טרויעריקע. סאיז א מעשה, וואָס איז געשען מיט די אידן אין דעם יאָר ת"ח (1747), דאן ווען די קאָזאקן האָבן געמאכט אַן אויפשטאנד קעגן די פּאָליאקן, וועלכע האָבן זיי אונטערדריקט און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי גערויבט און געמאָרדעט די אידן. גאנצע אידישע קהילות זיינען דאן אויסגעמאָרדעט געוואָרן. זייער א סך אידישע שטעט זיינען דאן אינגאנצן חרוב געוואָרן.

היינט איז פורים. פורים לייענט מען די מגילה, אז דער רשע המן האָט געוואָלט אויסהרגענען אלע אידן, אָבער עס האָט זיך אים

ניט איינגעגעבן. דערציילט דעריבער דער טאטע צו די קינדער די מעשיות פון גזירות ת"ח, ווען א צווייטער המן, דער פירער פון די קאזאקן, באגדאן כמעלניצקי, האט ניט נאר געוואלט, נאר ער האט טאקי אויך אן אמת אויסגעהרגעט א סך, א סך טויזנטער אידן.

דערציילט דער טאטע צו די קינדער די מעשה, ווי ביי איין אידיש מיידעלע האט מען דערהרגעט איר טאטע מאמע און אויס־געשאכטן איר גאנצע משפחה. געבליבן איז זי איינע אליין, ווייל נעראטעוועט האט זי א קאזאק, ווען זי איז זייער געפעלן געווארן, און ער האט זיך אין איר פארליבט און מיט איר געוואלט חתונה האבן.

און דער טאטע דערציילט ווייטער:

דער טאטע: . . . און דער קאזאק האט זיך אין איר אזוי שטארק פארליבט, אז אן איר וואלט ער גאר ניט געקאנט לעבן. ער מוז דוקא מיט איר חתונה האבן! איז זי אים געפאלן פאר די פיס, געוויינט און געקלאגט און געבעטן זיך ביי אים, אז ער זאל זי ליבערשט טייטן. ווארים ווי קאן זי, א אידישע טאכטער, חתונה האבן מיט איינעם, וואס חוץ וואס ער איז א גוי, זיינען דאך זיינע הענט בא־פלעקט מיט אידיש בלוט, און זיין הארץ איז פול מיט אכזריות. און אז ער פלענט זיך נאר אנרירן אן איר האט זי דאס ניט געקענט ליידן, ווארים עס קען דאך גריילעך זיין, אז ניט נאר האט ער פארגאסן סתם אידיש בלוט, נאר אפשר זיינען זיינע הענט ניט ריין פון דעם בלוט פון אירע טאטע מאמע, פון אירע הייליקע טאטע מאמע, וועל־כע זיינען געשטארבן אויף קידוש השם, ווארים וואלטן זיי נאר געזאגט, אז זיי ווילן זיך שמדן, וואלט מען זיי דאך ניט אומגעבראכט. ווי יונג זי איז געווען — אין גאנצן פערצן יאר — דאך האט זי פארשטאנען, אז אירע טאטע מאמע וועלן אין קבר ניט קענען רואיק איינליגן, אויב זי, זייער טאכטער, וועט זיך איבערשרעקן פארן טויט און אוים מורא חתונה האבן מיט א גוי, וואס זיינע הענט זיינען דורכגעזאפט מיט אידיש בלוט.

איז דאָס שלמהלען אַ גרויסער חידוש און ער פרעגט ביי זיין טאַטן:

שלמהלע: בלויז פערצן יאָר איז זי אַלט געווען? איז ווי וואָלט זי געקאָנט חתונה האָבן? ... אַזוי יונג? ...

דער טאַטע: אין יענע צייטן פלעגן אַלע זייער יונג חתונה האָבן.

פאַרדריסט יודלען, וואָס שלמהלע רייסט איבער די מעשה און האַלט אין איין פרעגן קשיות. בעט ער זיך ביי דעם טאַטן:

יודל: שלמהלע מיט זיינע קשיות . . . רק ער פרעגט קשיות . . . און ווייטער? . . . וואָס איז ווייטער געווען?

דער טאַטע: ווייטער איז אַט וואָס געווען: דער קאַזאַק האָט זי פון אויג ניט אַפּגעלאָזט, און ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט צוליב איר אַפילו מסכים געווען זיך מגייר צו זיין, ד. ה. אָנצונעמען דעם אידישן גלויבן. און זי — אַז זי האָט דערזען, אַז זי וועט פון אים בשום אופן ניט קאָנען באַפרייען זיך, האָט זי זיך אַנטשלאָסן אויף אַ שרעקלעכן טאַט: איינמאָל, ווען דער קאַזאַק האָט ווידער אָנגעהייבן צושטיין צו איר, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, האָט זי אים געענטפערט, אַז זי איז שוין מסכים, אָבער מיטן באַדינג, אַז חתונה זאָלן זיי האָבן אין אַ אידישער שול און לויטן אידישן דין. דער קאַזאַק, אַז ער האָט פון איר דערהערט, אַז זי איז שוין וויליק, איז ער געוואָרן מלא שמחה, און . . .

דערווייל האָט דער טאַטע באַמערקט אַז די קינדער זיינען שוין איינגעשלאָפן. די מעשה איז טאַקי זייער שיין, אָבער עס איז שוין אַזוי שפּעט און זיי זיינען אַזוי מיד — האָבן זיי מער ניט געקענט באַהערשן דעם שלאָף. הערט דער טאַטע אויף צו דערציילן די מעשה, אָבער פון שטול הויבט ער זיך נאָך ניט אויף, וואָרים אַז ער וועט אויפהויבן אַ ביסל טומל, וועלן זיך די קינדער נאָך אויפוועקן פון שלאָף.

צו אים קומט צו די מאַמע.

די מאַמע (פרעגט) איינגעשלאָפן?

דער טאטע: גיט איר א צייכן אויף יא און אז זי זאל זיין שטיל.

טאטע מאמע בלייבן שטיין אויף זייערע ערטער און קוקן אויף די שלאפנדיקע קינדער מיט גרויס ליבשאפט. קאנטיק, אז זיי קלייבן נחת פון זיי. עס דויערט א ביסל, און זיי איבערצייגן זיך אז די קינדער שלאפן געשמאק און אז זיי וועלן זיך שוין אזוי לייכט ניט אויפכאפן, הערן זיי אויף צו זיין אזוי פארזיכטיק און דער טאטע הויבט זיך אויף פון זיין ארט. די מאמע קומט צו צום בעט, פארריכט דעם צודעק פון די קינדער און איידער זיי פארלאזן דעם צימער, שטייען זיי נאך א ווײַלע ביים בעט און נעמען פון די קינדער קיין אויג ניט אראפ.

דער טאטע: איינגעשלאפן . . . אזוי מיד זיינען זיי, אז אפילו די מעשה האבן זיי ניט אויסגעהערט ביזקל סוף.

די מאמע: קיין חידוש ניט: א גאנצן טאג זיינען זיי היינט אין דרויסן געווען. ווי זיי פרייען זיך דאס, וואס דער שניי צעגייט און עס פילט זיך שוין דער ערשטער אטעם פון פרילינג. וואו נאר דער צעגייענדיקער שניי מאכט א וואסער שטראם, האבן זיי אנגעשטעלט זייערע שפיל-מילן און געטאנצט ארום זיי.

דער טאטע: בייטאג האב איך געהערט ווי זיי האבן צווישן זיך באשטימט, אז זיי זאלן זיך צוליגן שלאפן, כדי זיי זאלן זיין אויסגערוט און קענען ביינאכט אויסזיצן די סעודה און די שפיל פון די פורים שפילער. האבן זיי זיך אלע דריי געלייגט שלאפן, אבער עס איז קיין מינוט ניט אריבער און זיי זיינען שוין ווידער געווען אין דרויסן . . .

די מאמע: אומרואיקע קינדערלעך פיינע . . .

דער טאטע: און אזעלכע נייגעריקע! האסטו באמערקט מיט וואס פאר אן אויפמערקזאמקייט זיי האבן זיך דאס צוגעהערט צו די פורים שפילער? אט זיינען ביי זיי געשטאנען טרערן אין די אויגן און אט האבן זיי זיך געקייקלט לאכנדיק.

די מאמע: אז זיי זיינען אזוי עמפינדלעך, וואלסטו ניט

געטאַרט דערציילן זיי אַזעלכע שרעקלעכע מעשיות . . .
איבערהויפּט פאַרן שלאָף . . . סקאָן זיך זיי נאָך חלומען
מי יודע וואָס.

דער טאַטע: קיין בייז. זיי מעגן וויסן וועגן גזירות ת״ח
און וועגן דעם מסירות נפש פון מענטשן, וועלכע גלויבן
אין אַן אידעאַל און זיינען מקריב זייער לעבן פאַר אים
זאָלן זיי אַלץ וויסן, וועלן זיי, מיט דער צייט, פירן זייער
לעבן אויפן ריכטיקן וועג.

די מאַמע: נו, דאָס איז דאָך דיין מיינונג פון אַלעמאָל.
אפשר ביזטו גערעכט. אפשר איז טאַקע נויטיק צו פאַר־
האַרטעוועון זייער גייסט, ווי דו דריקסט זיך אַלעמאָל אוים.

דער טאַטע: ניט פאַרהאַרטעווען, נאָר שטאַרקן אים.

די מאַמע: ווי דו זאָגסט . . . וואָס ווייס איך? . . . איך
בין אַ מאַמע . . . איך רעכן ניט אוים אויף שפּעטער און מיין
האַרץ שרעקט מיר טאָמער וועט זיך זיי חלומען בייז . . . און
וואָס שפּעטער וועט זיין פאַלט מיר ניט איין צו טראַכטן . . .

דער טאַטע (גערירט): דו ביזט דאָך ביי מיר אַזאַ גוטע . . .
(ער נעמט זי ארום) סאַראַ גליקלעכער מענטש איך בין וואָס
איך האָב אַזאַ גוטע פרוי און אַזעלכע וואוילע קינדער.

די מאַמע: און איך בין אודאי גליקלעך!
זיי שטייען אַזוי אַ ווײַלע ארומגענומען.

דער טאַטע: און איצט לאָמיר גיין. זיי וועלן שוין אַזוי אָפּ־
שלאָפן די גאַנצע נאַכט.

די מאַמע: יאָ, לאָמיר גיין.

אָבער אַזוי גלייך גייען זיי נאָך ניט ארויס. זיי שטייען נאָך ביי
די בעטן און קענען ניט אָפּרייסן זייערע אויגן פון די קינדער.
די מאַמע דעקט זיי ווידער אַמאָל איבער, דערנאָך פאַנגט זי
אָן צונויפקלייבן זייערע קליידער, וואָס ליגן צעוואָרפן אין אומ־
אָרדנונג און זי צעלייגט זיי אין בעסערער אָרדנונג. זי קומט צו
צום קאַמין און פאַרשאַרט די קוילן, קומט צוריק צום בעטל און
קוקט ווידער אויף די קינדער. זי וואָלט דאָ נאָך לאַנג פאַר־
בראַכט אין צימער, ווען דער טאַטע וואָלט צו איר ניט צוגע־

קומען און זי ניט ארויסגעפירט פון צימער.

אין צימער ווערט א ווײַלע שטיל, אָבער באַלד דערטראָגט זיך א קול פון דרויסן:

דער קול: לאָזט מיך אָפּ! לאָזט מיך אָפּ, זאָג איך אייך! לאָזט מיך אָפּ, ווארים עס האָבן זיך אין מיר צעקאָכט מײַנע בייזע בלוטן און איך מוז זיי דערהרגענען!... לאָזט מיך אָפּ!

מען הערט אָבער ניט קיין ענטפער אויף אַט די אויסגעשרייען. מען הערט בלויז, ווי דאָרט, אין דרויסן, קומט פאָר א שטאַרקער געראַנגל, א געראַנגל פון א סך מענטשן. דער געראַנגל דויערט א היבשע צייט, אָבער ער קומט פאָר אָן אויסגעשרייען, און עס הערט זיך בלויז דאָס שווערע אָטעמען פון די ראַנגלענדיקע. דאָס ראַנגלען זיך ענדיקט זיך ערשט דאַן, ווען עס דערהערט זיך דאָס שווערע פאַלן פון איינעם. ערשט דאַן דערהערט זיך ווידער א קול, א קול פון א צווייטן:

צווייטער קול: אָהאָ, אָעווקגעלייגט דיך, דו, רשע מרושע איינער!... איצט ליג פאַרבונדן הענט און פיס! ליג דאָ אין שניי און אין קעלט!

ערשטער קול: בינדט מיך אָפּ!... בינדט מיך אָפּ!... וואָס מיינט איר וואָס איר וועט מיך האַלטן פאַרבונדן מיט שטריק?... אוי, אוי, די שטריק שניידן זיך מיר אין לײַב!... בינדט מיך אָפּ!

און דער צווייטער קול ענטפערט:

צווייטער קול: רשע מרושע! מיינסט, אַז עס טוט אונדז הנאה צו האַלטן אימיצן געבונדן? אָבער אַז איינער ווערט ווילד און ער וויל חרוב מאַכן וועלטן, ער וויל שלאָגן זיך און קריגן זיך, אָנטאָן שאָדן, — האָבן מיר דאָך קיין אַנדער ברירה ניט... איצט ליג דאָ ביז וואַנען דער שניי און דער פראָסט וועלן אָפּקילן דײַנע צעקאָכטע בייזע בלוטן.

ערשטער קול: חכם גרויסער! און וואו איז יושר? איז דאָס יושרדיק אַז איך זאָל ליגן געבונדן און גאָרנישט קאָנען טאָן און די קינדער פון דער גאַנצער וועלט זאָלן טרעטן

אויף מיר?

צווייטער קול: זע נאר ווער עס רעדט פון יושר? . . . דו? . . . רשע? . . . דו רעדסט פון יושר? . . . כא־כא־כא . . . אז סך־הכל ווערסטו א פארציטערטער פאר יושר און דו אנטלויפסט פון אים ווי נאר דו דערפילסט אז ער געפינט זיך ערגעץ ארום די מקומות וואו דו פארשפרייסט דיינע ווילדע מעשים.

ערשטער קול: און דו ביזט דאס אזא גרויסער בעל־יושר? און היינט אין שול, ווען שלמהלע און יודל האבן מיך אויסגעמאלן אויפן דיל און מיך געטראטן מיט די פיס, איז וואס האסטו דאן געטאן? . . . האסט זיך אנגענומען פאר מיר? . . . ביזט גאר געשטאנען און געלאכט . . .רופסטו דאס אן יושר? . . .

צווייטער קול: אז דו ביזט א חמן . . . אז גוט ווערן ווילסטו ניט, מוז מען דאך דיר ברעכן די ביינער . . .

ערשטער קול: זייער גליק וואס איר לאזט מיך ניט, אויב ניט וואלט איך זיך שוין אפגערעכנט מיט זיי . . . איך וואלט זיך אן זיי אזוי נוקם געווען, אז זיי וואלטן פארזאגט א צענטן אנצופאנגען זיך מיט מיר . . . איך האב אנגע־גרייט פאר זיי אזא קראנקייט, אז לאנגע וואכן נאכא־נאנד וואלטן זיי פון זייערע בעטן ניט געקענט אראפ . . .

און ער צעלאכט זיך אויפן קול.

מער רעדט קיינער. עס ווערט ווידער שטיל. אבער דערנאך פאנגט דער ערשטער קול ווידער אן צו טענה'ן:

ערשטער קול: אוי, אוי, אוי! מיינע ביינדעלעך! . . . אלע מיינע ביינדעלעך האבן זיי צעטראטן מיט די פיס, אט די קונדסים . . . און איצט, ווען איך ליג אויפן שניי, נעמט זיי דורך א קעלט . . . אוי, בינדט מיך אפ און לאזט מיך גיין! די שטריק שניידן זיך מיר אריין אין לייב . . . בינדט מיך אפ! לאזט מיך אפ! איך ווער פארפרוירן . . .

צווייטער קול: מיר ווילן דיר ניט טאן קיין שאדן, מיר ווילן נאר אז דו זאלסט אימיצן אנדערש קיין שאדן ניט

טאָן. גיב אונדז אָפּ די קראַנקייט, וואָס דו האָסט אָנגע־
גרייט פאַר די קינדער און מיר וועלן דיך באַפרייען.

און עס דערהערט זיך נאָך אַ קול, אַ קוויטשעדיק, ווי אַ קינדער־
ריש:

דריטער קול: אַפּלאָזן אים? ... האַ? ... אַפּלאָזן! ...

און נאָך אַ קול — אַ פערטער:

פערטער קול: זיי זיינען גוטע קינדער! טייערע קינדער!
פאַרוואָס אַ קרענק? ...

ערשטער קול: אַ קרענק וועל איך אייך אָפּגעבן די
קרענק! ... אויסמאַטערן וועל איך די דאָזיקע קינדער! ...
אויסמאַטערן וועל איך זיי!

צווייטער קול: איז ליג צונויפגעבונדן און פריר! פון מיינט־
וועגן קענסטו אַזוי ליגן ביז וואַנען משיח וועט קומען.
און דאַן וועלן מיר פון דיר אינגאַנצן פּטור ווערן.

ערשטער קול: משיח? ... כאַ־כאַ־כאַ ... ער קומט נאָך
ניט אַזוי גיך! ... עס וועלן נאָך אַ היבש ביסל קינדער
אויסקרענקען ביי מיר ביז וואַנען ער וועט קומען ... ער׳ט
נאָך אַזוי גיך ניט קומען! ...

פערטער קול: ניט קומען? ... פאַרוואָס עפּעס ניט קומען?
ער׳ט יאָ קומען!

דריטער קול: משיח? ... האַ? ... אַי, אַי, משיח!

צווייטער קול: וועט ער ניט אַזוי גיך קומען, וועסטו זיך
ניט אַזוי גיך באַפרייען ... ליג געבונדן ביז וואַנען ער
וועט קומען!

ערשטער קול (צעשרייט זיך באַנומען): בינדט מיך אָפּ!
בינדט מיך אָפּ!

צווייטער קול: גיב אָפּ די קרענק, וועלן מיר דיך באַ־
פרייען.

ערשטער קול: בינדט מיך אָפּ! בינדט מיך אָפּ!

צווייטער קול: קענסט זיך שרייען ביז וואַנען משיח
וועט קומען. איך וועל דאָ ניט שטיין און הערן דיינע גע־
שרייען ... איך וועל דיך דאָ איבערלאָזן אַליין און ליג דאָ

אין פראסט און אין שניי ביז וואנען משיח וועט קומען...
קומט, ברידער, לאמיר גיין!

פערטער קול: לאמיר טאקע גיין! מיר איז קאלט.

דריטער קול: קאלט?... וואס איז קאלט?... ברררר...

(קענטיק אז ער ציטערט פאר קעלט) ברררר... וואס איז קאלט?..

צווייטער קול: יא, לאמיר גיין! מירן שוין געפינען אן אויוון ביי וועלכן אנצוואורימען זיך.

און עס דערהערן זיך זייערע טריט ווי זיי הייבן אן אוועקגיין.

ערשטער קול: אוי, אוי, אוי! גייט ניט אוועק! קערט זיך אום! בינדט מיך אפ!

צווייטער קול (דערטראגט זיך שוין פון ווייט): וועסטו אפגעבן די קרענק?

ערשטער קול: איך וועל פארפרוירן!...

צווייטער קול: איך פרעג דיך צום לעצטן מאל: וועסטו אפלאזן די קרענק?

ערשטער קול: איך וועל אפלאזן! איך וועל אפלאזן! אבער בינדט מיך אפ!

און עס דערהערן זיך זייערע טריט ווי זיי קערן זיך אום.

צווייטער קול: נו, גיב אהער די קרענק!

ערשטער קול: וועסטו מיך דאן באפרייען?

צווייטער קול: ווייסט גוט, אז איך האלט תמיד וואָרט!

ערשטער קול: געדענק זשע! נא, אט האסטו זי!

א ווײַלע שטיל, און עס דערהערט זיך באלד אן אויסגעשריי פון דעם דריטן קול:

דריטער קול: אוי, אוי, אוי!...

צווייטער קול: וואס האסטו זיך צעשריען?

פערטער קול: אוי, סאר א שרעקלעכע זי איז! איך האב מורא!

צווייטער קול: שא, האב קיין מורא ניט! ניטא וואס מורא צו האבן!

דריטער קול: מורא?... וואס, מורא?... הא?...

פערטער קול: די קרענק! . . . זי קאן נאך אין אונדז אריין! . . .

צווייטער קול: איר האט ניט וואס מורא צו האבן! אט זעט: איך גיב זי אפ צו דער נאכט און זי וועט זי איינשלינגען. איר זעט? איר זעט ווי זי שלינגט זי? ווי שנעל זי שלינגט זי! און אט איז זי שוין ניטא! אוים קרענק! . . .

פערטער קול: טאקע אוים! . . . ניטא! . . . או-ווא! או-ווא! ניטא!

דריטער קול: ניטא? . . . הא? . . . ניטא? . . . וואס? . . .

ערשטער קול: איצט בינדט מיך אפ! בינדט מיך אפ!

צווייטער קול: שא, שריי ניט! אט בינד איך דיך אפ.

און עס הערט זיך טאקע ווי זיי בינדן אים אפ.

ערשטער קול: אוי, ווי גוט עס איז צו זיין פריי! סאר א מחיה! וועל איך זיך דאך ווידער קענען שלאגן . . . איז נא דיר טאקע! . . .

און עס דערהערט זיך דער קלונג פון אראפגעלאזטע פעטש און דער אויסגעשריי פון ווייטיק פון דעם דריטן קול:

דריטער קול: אוי, אוי, אוי! . . . אוי, אוי, אוי! . . .

צווייטער קול (אויפגעבראכט): רשע, וואס טוסטו? . . . פארוואס שלאגסטו אונדזער קליינינקן ברודערל? . .

ערשטער קול: ווייל איך בין א רשע און ווייל איך בין פריי! . . .

דריטער קול: אוי, אוי אוי! . . .

צווייטער קול: לאז אפ! לאז אפ! איך וועל דיך צוריקבינדן און מער קיינמאל ניט באפרייען! . . .

ערשטער קול: כאפ מיך פריער! . . . איך לויף שנעלער פון אייך אלעמען! . . .

און עס דערהערן זיך טאקע זיינע שנעלע טריט פון אנטלויפן.

פערטער קול: זאלן מיר אים נאכיאגן?

ערשטער קול: זאל ער לויפן! ווער דארף אים?

דריטער קול: (וויינט) אוי, אוי, אוי! . . .

צווייטער קול: נו, הער אויף צו וויינען! מער שלאגט ער דיך דאך ניט.

דריטער קול: זאָל איך אויפהערן? . . . האָ? . . .

צווייטער קול: יאָ, הער אויף!

און דאָס געוויין הערט אויף.

פערטער קול: מיר איז קאַלט! לאָמיר גיין ערגעץ אין אַ הויז אַנוואַרימען זיך.

צווייטער קול: לאָמיר גיין.

פערטער קול: וואוהין זאָלן מיר גיין?

צווייטער קול: לאָמיר גיין אין אָט דעם הויז. איך זע אַז דאָרט ברענט פייער אין קאַמין. דאָ וואוינען דאָך די דריי קינדערלעך, וועמען מיר האָבן געראַטעוועט פון דעם רשע׳ס קרענק.

דריטער קול: ווי וועלן מיר אַהין אריין?

צווייטער קול: דורכן פענצטער. קום אַהער, דו קליי־נינקער, דו קענסט דעם פענצטער ניט דערלאַנגען, וועל איך דיך אויפהויבן.

עס עפנט זיך די פענצטער און מען זעט ווי דער תם ביז גאָר ווערט אויפגעהויבן אין דער הויך און ווערט פאַרזיכטיק אַרויפ־געזעצט אויפן פענצטער.

צווייטער קול: איצט גיי דו!

און דורכן פענצטער קומען אַריין דער תם און נאָך אים דער חכם. דער חכם פאַרמאַכט צוריק דעם פענצטער און די דריי זין פון דער הגדה קומען צו צום קאַמין און שטעלן זיך ביי אים וואַרימען.

ווי נאָר זיי קומען צו צום קאַמין, צעברענט זיך דאָרט אַ גרויסער ליכטיקער פייער, וואָס צעשיט איבערן צימער אַ העל ליכט.

דער חכם זעצט אַנידער דעם תם ביז גאָר אויף אַ בענקעלע לעבן קאַמין און אַליין בלייבט ער שטיין. דער תם אָבער, דערזענדיק אַן אומבאַקאַנטן צימער, שפּאַצירט ער איבער אים אום און באַ־וואונדערט יעדע זאַך, וואָס ער דערזעט. ביז וואַנען ער קומט צו צום בעט און דערזעט דאָרט די קינדער. דאָס פירט אים אַריין אין אַזאַ התפעלות, אַז ער לויפט צו צום חכם און הייבט אים אָן שלעפּן אַהין.

דער חכם: וואָס ווילסטו? וואוהין שלעפּסטו מיך?

דער תם: זע! זע! אזעלכע באשעפענישן!

דער חכם (שטויסט אים אפ): לאז מיך אפ! ביזט אזא תם אז פון מאל צו מאל פארגעסטו זיך. ערשט נים לאנג צוריק, אום חנוכה, האסטו זיך אליין געשפילט מיט זיי, און היינט פרעגסטו ווידער ווער זיי זיינען.

דער תם: געשפילט מיט זיי? . . . אוי־ווא! אוי־ווא! איז וואס זיינען זיי?

דער חכם: שוין צייט דיר צו וויסן. סזיינען קינדערלעך. ס'זיינען דאך די זעלבע קינדער, וואס מיר האבן מיט זיי אזוי אפט געשפילט ביי אידישע ימים־טובים און דו פרעגסט נאך אלץ ווער זיי זיינען? שעמען מעגסטו זיך.

דער תם: פארוואס זאל איך זיך עפעס שעמען? איך בין דאך דער תם, דארף איך דאך קיין זאך נים וויסן. זיינען זיי קינדערלעך? . . . טאקע? . . . אוי־ווא! אוי־ווא!

תם ביז גאר: קינדעלעך? . . . (אנטציקט:) קינדערלעך! הא? . . . וואס? . . .

דער תם: איז היינט אויך א יום טוב?

דער חכם: האסט שוין געמעגט וויסן. דו ביזט דאך אליין געוועז אין שול און געהערט ווי מען האט געלייענט די מגילה.

תם ביז גאר (אנטציקט): מגילה? . . . טאקע? . . . מגילה!

דער תם: וועלן מיר זיך היינט אויך שפילן מיט זיי אזוי ווי אלעמאל?

דער חכם: שפילן זיך מיט זיי? זאלן מיר? ווארט, איך וועל זיך איבערלייגן. שוין א לאנגע צייט אז איך האב זיי נים גע־זען. פון חנוכה אן. דארף מען זען צי זיי זיינען ווערט אז מיר זאלן זיך מיט זיי שפילן.

דער תם: א, זיי זיינען גוטע קינדער. זיי טוען קיינמאל נים קיין רשעות. און טאמער זיינען זיי אמאל שלעכט, זאלסטו זיי אויך פארגעבן, ווייל אין הארצן זיינען זיי גוט און זיי מיינען נים קיין שלעכטס.

דער חכם: ביזט דוכט זיך א תם און דאך רעדסטו זיך

אמאל פונאנדער שוין גאר ניט ווי א תם. ס'איז בלויז ווען דו דארפסט טאן א מלאכה, ווערסטו א תם און הייבסט ניט אן צו וויסן ווי צו טאן עס . . .

דער תם: איז וועלן מיר זיך שפילן?

דער חכם: מילא, איך וועל דיר דאס מאל ווידער נאכ־געבן.נו, שטעלט זיך אויס פארן וואונדער־טאנץ און מיר וועלן ארייינברענגען די מלאכים פון חלומות, אז זיי זאלן ברענגען צו די קינדער דעם ריכטיקן חלום פאר דער שפיל. זיי טרעטן ארויס אין א טאנץ. דער טאנץ רופט ארויס די מלאכים פון חלומות, וועלכע קומען ארויס פון די טונקעלע ווינקלען, פון די טירן און די פענצטער, פון אונטער די טישן און בעטן, און זיי טאנצן צוזאמען מיט די דריי ברידער. טאנצנדיק פארשפרייטן די מלאכים זייערע פליגלען איבער די קינדער און וועקן זיי צו חלומות. דורך דער ווירקונג פון דעם טאנץ ווערן די קינדער אומ־רואיק אין זייער שלאף, זיי קערן זיך פון זייט צו זייט און מורמלען אין דער שטיל. צעלאזן זיך די מלאכים אין א מער אימ־פעטיקן טאנץ, און דערנאך רינגלען זיי ארום די קינדער און פארשפרייטן איבער זיי די פליגלען. די קינדער פאנגען אן זיך נאך מער באוועגן, צעשיטן זיך די מלאכים העגדום פענדום און זיי פארלאזן דעם צימער אין דעם זעלבן שטייגער ווי זיי זיינען געקומען.

דער תם: איך הער א גערויש, אבער איצט ווייס איך שוין וואס עס באטייט.

תם ביז גאר: הא? . . . וואס? . . .

דער תם: וואס,הא? איך זאג, אז איך הער א גערויש און איך ווייס שוין וואס ער מיינט.

דער חכם: וויבאלד דו ווייסט שוין באדייטונגען פון זאכן, ווערסטו ווייניקער תם. ס'איז א גוטער סימן: משיח וועט באלד קומען. ווארים משיח וועט ערשט דאן קענען קומען, ווען דו וועסט ווערן אויס תם.

תם ביז גאר (אנטציקט): משיח? . . . או־ווא! או־ווא! משיח! . . .

שלמהלע (רעדט פון שלאף):

און ווען מיט רוגזה איז אנגעפילט
דאס הארץ פונם שונא,
און אויף דיינע ברכות פון פרידן
ענטפערט ער מיט ציינער קריץ
און צונויפגעדריקטע פויסטן, —
מוז דיינער איינס דער ענטפער זיין:
אויג פאר אויג און צאן פאר צאן!
און זאל זיך זיין אפילו דורך מלחמה,
אבער אפגעהיט זאל ווערן
דאס ווארט פון גאט! —
אזוי געלערנט אסתרן האט מרדכי
און אין איר הארץ אריינגעטאן
פון קעניגין דעם שטאלץ,
ווי פארוים זען וואלט ער געקענט,
אז אט דאס קינד פון גלות
וועט הערשערין זיין אמאל
און ווילדע עצות פון רעגירער און דעספאטן
צונישט מאכן מיט דער צייט.

דער תם: נאך איידער ער איז וואך רעדט ער שוין.

תם ביז גאר: ער רעדט? . . . אר-ווא! אר-ווא! . . . ער רעדט . . .

דער חכם: געבענטשט מיט עמפינדלעכקייט איז דאס הארץ פון קינד און געדאנקען פון וואר פארוואנדלען זיך ביי אים אין טאט אין חלום. אנגעהערט האט ער זיך חיינט פון אסתרן און פון מרדכין, פארפאסט ער לידער פאר זיי אין חלום.מען דארף זיי אבער צו ווירקלעכע זעונגען דער-וואכן. (ער הייבט אן שוועבן ארום זיי און זיי וועקן:) פיו-פיו-פיו! דערוואכט! דערוואכט! צו זעונגען דער-וואכט, קינדערלעך, דערוואכט! צו זעונגען דערוואכט! וואכט! און זאלן די עמפינדונגען, וואס זיינען פארבארגן אין אייך, אין זעונגען זיך פארקערן! פיו-פיו-פיו! דער-

דער תם: זעונגען? וואס וועלן זיין־ זייערע זעונגען היינט? אין וואס פאר א געשטאלט וועל איך אנגעטאן ווערן היינט?

תם ביז גאר: געשטאלט? . . . הא? . . . געשטאלט? . . .

דער חכם: פורימדיק וועלן היינט זייערע זעונגען זיין. מיט פורים מעשיות איז דאך היינט אנגעפילט זייער הארץ. (און ער וועקט די קינדער ווידער:) פיו־פיו־פיו! דער־וואכט, קינדער, דערוואכט! צו זעונגען דערוואכט!

די קינדער הויבן זיך אויף פון זייערע געלעגערס, קוקן זיך ארום פארוואונדערט און, דערזענדיק די דריי ברידער, דערפרייען זיי זיך ווי מיט אלט באקאנטע און גוטע פריינט.

יודל: איצט איז ניט שווער שוין פאר מיר צו דערקענען אייך. איך וויים ווער איר זיינט!

שלמהלע: איך אויך! הגם ברידער דריי זיינט איר פון דער הגדה און צו דערקענען זיך האט איר אונדז געלאזט ביים סדר, דאך צו גאסט קומט איר צו אונדז ביי דער גע־לעגנהייט פון אלע ימים־טובים.

פייגעלע: און איך געדענק אייך אויך! (צום חכם) דו ביזט דער חכם!

דער חכם: גוט וואס דו האסט מיך דערקאנט, פייגעלע, ווארים ווען איך אליין וואלט זיך געדארפט פאר דיר פאר־שטעלן, וואלט איך דאך נים געקענט זאגן ווער איך בין, ווייל דוקא דער דאזיקער, וועלכער ווערט מיטן נאמען חכם באקרוינט, בלויז ער ווייסט, אז ער איז נאך פון חכמה וויים, און אנטקעגן דער חכמה פון דער וועלט, איז ער אומוויסנדיק אזוי, אז ס׳וואלט זיך געפאסט פיל בעסער צו רופן אים מיטן נאמען נאר.

פייגעלע (צום תם): און דו ביזט דער תם.

דער תם: אי, דו האסט ניט געטראפן. איך ווער שוין באלד אוים תם

פייגעלע: וואס הייסט?

דער תם: אזוי זאגט מיין ברודער דער חכם. ער דרינגט

דערפון אפילו אז באלד וועט משיח קומען.

תם ביז גאר: משיח? . . . אוי־וואַ! אוי־וואַ! משיח! . . .

פייגעלע: צי משיח וועט טאַקע באַלד קומען, ווייס איך נים, אָבער אַז דו ביזט נאָך אַלץ דער תם ביז גאַר דרינג איך לייכט פון דיינע רייד.

תם ביז גאר: רייד? . . . טאַקע? . . . רייד? . . .

יודל: מיר זיינען שוין אַזוי געוואוינט צו האָבן אייך צו גאַסט אויף אונדזערע ימים טובים, אַז מיר האָבן זיך שוין גערעכט אויף אייך. ווען איר קומט ניט היינט, וואָלטן מיר זייער אַנטוישט געוואָרן.

חכם: נו, זיינען מיר טאַקע געקומען.

שלמהלע: אָבער דאָס מאָל זיינט איר געקומען אָן אייער ברודער דעם רשע. וואו איז ער?

חכם: בענקסט נאָך אים?

שלמהלע: איך בענק ניט נאָך אים, אָבער איך האָב מורא אַז אָן אים וועלן מיר ניט קענען האָבן קיין ריכטיקע שפּיל.

חכם: און איך ווייס אַז מיט אים וואָלט אייך קיין שפּיל אין זינען ניט געלעגן. (די קינדער קוקן אויף אים פאַרוואונדערט, הייבט ער זיי אָן דערקלערן:) איר האָט היינט אויסגעמאָלן המנס בילד אויפן דיל אין שול און איר מיט אַלע אידן האָבן געטראָטן אויף אים . . .

יודל: אָ, איך פאַרשטיי שוין!

שלמהלע: וואָס פאַרשטייסטו?

יודל: המן איז דער רשע.

פייגעלע: המן?

שלמהלע: ווער ווייסט דאָס ניט?

יודל: פונדעסטוועגן האָסטו זיך ניט געכאַפּט.

שלמהלע: איך האָב אויך געוואָלט זאָגן דאָס זעלביקע, און דו האָסט עס ביי מיר אַרויסגעכאַפּט פון מויל.

יודל: נאָר דו ווילסט, אָבער קיינמאָל זאָגסטו ניט . . .

שלמהלע: דו מיינסט טאַקע אַז דו ביזט אַ גרויסער

חכם . . .

חכם: פע, קינדער, איך זע אז איר האלט ביי אנהייבן קריגן זיך. ניט שיין! ווען איר וועט זיך קריגן, וועל איך אוועק פון אייך און זיך מער צו אייך ניט צוריקקערן.

שלמהלע: איך קריג זיך ניט!

יודל: איך אודאי ניט!

חכם: נו, געננג, געננג! איך וועל אייך בעסער דערציילן וואס דער רשע האט געוואלט טאן.

יודל: וואס

חכם: ער איז אויף אייך זייער אין כעס, האט ער גע־וואלט אריינגנבענען זיך אהער צו אייך און אנשטעקן אייך מיט א ביטערער קרענק . . .

פייגעלע: אוי, איך האב מורא!

חכם: איצט האסטו שוין ניט וואס מורא צו האבן, ווייל איך האב אים געכאפט ביי אייך אונטערן פענצטער, ביי אים אפגענומען די קרענק און אים אליין פארטריבן . . .

שלמהלע: און וואס האסטו געטאן מיט דער קרענק?

חכם: איך האב זי אוועקגעגעבן דער נאכט און זי האט זי איינגעשלונגען.

יודל: וועט רשע שוין מער אהער ניט קומען?

חכם: ניין, סיידן מיר וועלן אים דארפן פאר א שפיל.

פייגעלע: אוי, זאל ער בעסער אהער מער ניט קומען! איך האב פאר אים מורא.

חכם: נארעלע, וואס האסטו מורא? אז איך בין דא מיט אייך, האט איר ניט וואס מורא צו האבן.

יודל: יא, מיט דיר האבן מיר קיין מורא ניט.

שלמהלע: און אין וואס וועלן מיר היינט שפילן?

יודל: לאמיר שיקן שלח־מנות! (ער דערמאנט זיך אבער, אז ער האט זיך ביימאג ניט איינגעהאלטן און שוין אויפגעגעסן זיינע שלח־מנות, פארכאפט ער זיך און זאגט טרויעריק:) אבער איך האב שוין מער ניט קיין שלח־מנות . . .

חכם: ניט אין שלח־מנות. מיר דארפט איר קיין שלח־

מנות ניט שיקן, וואָרים איך דאַרף זיי ניט; אויך האָב
איך אייך קיין שלח-מנות ניט געבראַכט. מיר וועלן אָבער
שפּילן אַן אַנדער שפּיל. (ער הערט זיך איין) איר הערט?
זיי קומען שוין אָן! אַלע העלדן פון געשיכטע, וואָס איר
האָט זיי היינט געגלוסט אין אייער האַרץ, זיינען זיי שוין
אַלע דאָ.

שלמהלע: איך הער אויך זייערע טריט .

פייגעלע: איך אויך.

יודל: אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דרויסן. זיי
קומען ניט אריין. פאַרוואָס קומען זיי ניט אריין? זאָלן זיי
אריינקומען!

חכם: זיי שטייען אַלע גרייט אריינצוקומען, אָבער צו־
ערשט דאַרפט איר זיי אָנרופן ביים נאָמען און ביים נאָמען
פאַרבעטן זיי אַהער, אַניט וועלן זיי ניט קומען. נו, לאָמיר
הערן! שלמהלע, וועמען גלוסטו צו זען היינט ביינאַכט?

שלמהלע:

צו זען מרדכין גלוסט זיך מיר!—
מרדכין ווי אַן געווער
געפירט האָט ער אַ קאַמף
און דאַך זיגרייכער אין זיין קריג
פון גבורים פון מלחמה איז ער געווען.
אויך גלוסט איך אחשורושן אין מיין זעונג,
דעם גרויסן הערשער פון פילצאָליקע מדינות,
און דאַך אַליין איז ער באַהערשט געווען
פון דעם גרעסטן רשע פון דער וועלט צוערשט
און פון אַ אידישער פרוי — צולעצט.
זאָלן זיי צוגאָסט קומען היינט אַהער
מיט דעם גאַנצן פראַכט פון זייער גלאָריע פון אַמאָל.
און ווי ליבע געסט וועלן מיר זיי באַגריסן דאָ.

חכם: נו, די דאָזיקע געסט, גלויב איך, וועלן צופרידן
זיין אַהער צו קומען און אראָפּקוקן פון זייער הויך פון גע־
שיכטע און לעגענדע פון פאַר טויזנטער יאָרן צו אייך אין

הויז אריין, וואו זייער זיכרון איז לעבעדיק נאך ביז איצט, און צוקוקן זיך ווי זייער אמתע געשטאלט פון טמאל ווערט פארשטאנען פון די דורות היינט. נו, און דו, יודל, וועמען פארבעטסטו?

יודל:

פארבעטן האט מיין ברודער
העלדן פון גאר אלטע צייטן,
איך וועל אבער פארבעטן צו זיך העלדן,
וואס כאטש ניט לאנג צוריק האבן זיי די ערד באצירט,
דאך צו זייער העלדישקייט איז קוים דא א פארגלייך.
זאלן פאר אונדז דערשיינען די זויבער-ליכטיקע נשמות
פון די געפייניקטע פון די ווילדקייטן פון היידאמאקן,
ווען א פאלק פון שקלאפן האט געקעמפט פאר פרייהייט
און די גרויסקייט פון זייער טאט
פארשמוצט ביז צום ניט דערקאנען
און בלוט און יסורים פון אונדזער פאלק,
וואס נאך מער פון זיי איז ער פיליכט געווען גערדריקט.
זאלן די קדושים פון דעם יאר ת״ח
דערשיינען דא היינט פאר אונדז
און אויסדריקן וועלן מיר צו זיי די גרויסע אכטונג,
וואס מיר טראגן פאר זיי אין אונדזער הארץ.

חכם: המן האט געוואלט פארניכטן די אידן און פאר־ניכטעט האט ער זיך אליין; כמעלניצקי האט פארניכטעט אידן אן א צאל און — פארניכטעט דעם גוטן נאמען, וואס ער וואלט פון דער וועלט געקראגן אלס א באפרייער פון א פארשקלאפטן פאלק. סאיז דא ענלעכקייט צווישן אט די געשעענישן און דעריבער איז מיר דיין וואונטש פארשטענדלעך. מיר קענען היינט צונויפברענגען המנען מיט כמעלניצקין. וועמען ווילסטו זען צוערשט?

יודל: המנען.

חכם: איז גוט. און דו, פייגעלע, וועמען פארבעטסטו צו

זיך צו גאסט?

פייגעלע:

איך וואלט אסתרן געוואלט זען,
די פרומע גוטע אסתר,
וואס איבערגעגעבן האט זי זיך צו א טפש
אבי צו ראטעווען איר פאלק.
און אוין׳ האט היינט דערציילט דער טאטע
וועגן גוטע פרומע אידישע טעכטער,
טאקע אין די צייטן פון כמעלניצקיס גזרות,
וועלכע האבן זיך ליבערשט איבערגעגעבן צום טויט,
איידער צו פארראטן זייער שטאם.
זאלן זיי אויך קומען היינט אהער
און זיי וועלן זיך דערוויסן,
אז דורך זייער העלדישקייט פון שטארבן
אייביק לעבן האבן זיי ביי אונדז געפונען.

חכם: צי צו אסתרן קענען פארגליכן ווערן די לעצטע, וואס דו, פייגעלע, האסט דערמאנט, וועלן מיר ערשט דרינגען פון דער שפיל. צוערשט זאל אבער אסתר קומען.
(און ער שרייט אויס:)

איר אלע העלדן פון פארצייטן,
צוגעפאסט פאר א פורים שפיל פאר קינדער,
אין דער זעונג פון די קינדער קומט אריין,
געוואונטשטע געסט וועט איר דא זיין.

יודל: און איך וויים וואס עס וועט איצט געשען. דו ביזט מרדכין און אין מרדכין וועסטו זיך באלד פארקליידן.

שלמהלע: און אחשורוש איז דער תם.

חכם: האט איר טאקע ניט געטראפן. אחשורוש איז ניט געוועזן א תם, נאר א טפש און דער תם איז גאר מרדכי געוועזן.

שלמהלע: וואס הייסט? . . . מרדכי — א תם? . . .

חכם: נו, דאס וועט ער אייך באלד אליין דערקלערן. (ער פירט אוועק דעם תם אן א זייט, דעקט אים איבער מיט זיין

מאנטל און ווען ער דעקט אים אָפּ צוריק, דערשיינט ער ווי מרדכי.)

שלמהלע (נאָך אַלץ פאַרוואונדערט): אָבער איך האָב גע־מיינט, אַז וויבאַלד ער האָט געראַטעוועט די אידן, איז ער אַ חכם.

חכם: האָב געדולד, וועסטו באַלד זען.

יודל(ציינט אָן אויפן תם ביז גאָר): און ווער איז ער?

חכם: ער איז המנס אינגסטער זון, ויזתא. ער איז זייער יונג געשטאָרבן,וואָרים ווי אַלעמאָל איז אים באַשערט יונג צו שטאַרבן, הערט ער דעריבער ניט אויף צו זיין אַ תם ביז גאָר. (צום תם ביז גאָר:) נו, גיי אַריין אין דיין געשטאַלט פון פורים שפּיל, אַזוי ווי דיין ברודער האָט געטאָן.

דער תם ביז גאָר קערט זיך אָפּ און דערשיינט ווי המנס זון, ויזתא..

חכם: און איצט, קינדער, לאָמיר זיך שטעלן אָן אַ זייט און מיר וועלן זיי לאָזן דורכפירן די שפּיל.

שלמהלע: און וואָס וועסטו זיין אין דער שפּיל?

חכם: אין אָט דער שפּיל וועל איך אינגאַנצן ניט זיין.

יודל: וואָס הייסט?

חכם: פשוט, ווייל די גאַנצע שפּיל איז מיר אַזוי געווען דערווידער, אַז אין יענעם דור בין איך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. אָבער שנעל, קינדער, שטעלט זיך אָן אַ זייט, וואָרים אָט קומען זיי שוין אָן.

די קינדער און דער חכם שטעלן זיך אָן אַ זייט. ווי נאָר זיי באַווייזן דאָס צו טאָן, הויבט זיך אויף די הינטערשטע וואַנט און עס אַנטפּלעקט זיך אַ צווייטע בינע און —.

סאיז נאַכט. אַ פּעלזיקער געגנט. הויכע פעלזן אין הינטערגרונט און פון ביידע זייטן. עס דערהערן זיך טריט פון אַ גרויסער מחנה מענטשן און פון צווישן די שפּאַלטן פון די פעלזן קומען אָן אָרימע, אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע סקעלעטן, אַרבעטער, פויערים און פאַסטוכער פון אַמאָליקן פּרס. זיי גייען שווער, קענטיק זייער מיד און ווי נאָר זיי קומען אַריין, פאַלן זיי אַנידער

אויף דער ערד, אָטעמען שווער און בלייבן ליגן אין אָנמאַכט. נאָך זיי קומען אָן בגתן און תרש. די לעצטע זיינען ניט קיין קנעכט און ניט קיין אַרבעטער, נאָר דינער אין דעם הויז פון דעם קעניג אחשורוש, זיינען זיי דעריבער אָנגעטאָן אין רייכע קליידער און אויך אויסגעמאַטערט זיינען זיי ניט.

ווי נאָר מרדכי דערזעט די דאָזיקע, שפּאַנט ער אַרויף אויף דער צווייטער בינע און פאַרטאַיעט זיך הינטער א פעלז. ער הערט זיך איין צו די שמועסן, וואָס ווערן דאָ געפירט.

עס פאַרפירט זיך צווישן פאָלק א שמועס:

איינער (קוים וואָס ער האָט כח אויפצוהויבן זיך פון דער ערד): האָט אונדז קיינער ניט נאָכגעשפירט?

א צווייטער: מען זעט ניט קיינעם.

א דריטער: אַזוי ווייט נאָך זאָלן זיי אונדז פאַרפאָלגן?

א פערטער: וואָס וועט פון אונדז ווערן, אָ, גרויסער גייסט פון דער ערד?

א פאַסטוך: פון אַלע זייטן האָבן דעם קעניגס צינזן־מאָנער אַרומגערינגלט מיינע הערטן, אַלע מיינע שאָף פאַר־טריבן, אפילו מיין געצעלט פאַרנומען און נאָך אַלץ, זאָגן זיי, האָב איך ניט באַצאָלט אין פולן מיין צינז צום קעניג . . . מיך אַליין האָבן זיי געוואָלט פאַרנעמען און פאַר א קנעכט פאַרקויפן . . . אוי, ווי איז מיר! . . . (און ער פאַר־נייט זיך אין טרויער און געוויין) וועלן כאָטש די פעלזן מיך פון זיי פאַרהוילן? . . .

א גאָלדשמיד: גאָלד און זילבער און רובינען האָט דער גרויסער שררה פון מזרח־לאַנד מיר געגעבן, אַז איך זאָל פון גאָלד און זילבער כלים פאַר אים שמידן און מיט רובינען זיי באַצירן. זיינען די דינער פון אחשורוש צו מיר געקומען און דאָס אַלץ פון מיר פאַרנומען. מיין אייגנס האָבן זיי פאַרנומען, און אויך דאָס וואָס ניט צו מיר געהערט און וואָס איז מיר געוועזן געטרויט. וואוהין זאָל איך זיך איצט פאַרבאָרגן? . . . אוי, ווי איז מיר! . . . (און ער פאַרגייט זיך אין דער טיפקייט פון זיין צער) זינט אוראַלטע צייטן האָבן

נאַך קעניגן זייער פאָלק ניט אַזוי געריבט . . . אוי וויי! אוי וויי!

א פויער: מיט טרערן האָב איך מיין פעלד געזייט און אַז די תבואה איז מיר געווען געראָטן, האָב איך מיט געזאַנג אים געשניטן. נאָכן שניט אָבער באַלד האָבן די צינזן מאַנער מיין פעלד אַרומגערינגלט און מיין גאַנצן שניט פאַרנומען . . . אוי וויי! אוי וויי! און ברויט פאַר מיין הויזגעזינד פון וואַנען וועט דאָס יאָר קומען? . . .

דאָס פאָלק: וויי איז אונדז! . . . נאַכט איז איבער אונדז פאַרצויגן און דער שיין פון טאָג האָט זיך פון אונדז פאַרבאָרגן . . . באַרויבט פון זויפער און פון פרעסער איז אונדזער האָב און גוטס און מיר אַליין צווישן פעלזן דאַרפן מיר זיך אויסבאַהאַלטן . . . (זיי שטרעקן אויס זייערע הענט צו בגתן און תרש) איר! איר! איר, וואָס זיינט צום קעניג נאָענט, איר, וואָס איר אַליין שטאַמט דאָך פון פאָלק, איר — וואָס האָט איר אונדז געבראַכט? האָט איר אַן עצת פאַר דערלייזונג אפשר אונדז געבראַכט?

בגתן (טרעט אַרויס פאָרויס): הלואי כאָטש טרייסט וואָלט איך ברענגען אייך געקענט! . . . כאָטש עטוואָס האָפנונג . . . ווען מיר האָבן אייער רוף דערהערט און זיינען צו אייך אַהער געקומען, האָבן מיר אַ גרויסן מאַלצייט אין פאַלאַץ איבערגעלאָזט: האַרן, שררות, פירשטן, פרינצן, קעניגן — פון הונדערט און פיר און צוואַנציק מדינות, פון אַלע עקן וועלט, מיט זייערע ווייבער, קינדער, קנעכט און דינער האָבן זיך צעזעצט אַרום טישן, געגעסן און געזויפן און פון אייער האָב און גוטס וואוילגיין זיך געלאָזט . . . און ווען איך האָב צום קעניג אחשורוש צוטרעטן געוואָלט און אים אויפקלערן פון אייער וויי און פיין, האָב איך אים אַנגעזויפן אַזוי געטראָפן, אַז צוליב אַ קאַפּריז, דערפאַר וואָס זי האָט זיינעם אַן אומזין וואונטש ניט געוואָלט דערפילן, — האָט ער זיין אייגן ווייב, זיין ליבע ושתי, געהייסן קעפּן . . . וואָלט אומזיסט דאָך געווען מיין

טענהן דאַן צו אים . . .

דאָס פאָלק: ווײ איז אונדז! . . . אַז אין אונדזער אייגן לאַנד ווערט ווײן און ברויט און פלייש צו פרעמדע צו אי־בערפרעסן זיך און צו איבערזויפן זיך דערלאַנגט, און מיר, דאָס פאָלק, ווערן אונדזערע לייבער פון הונגער געשוואָלן און פאַר שרעק, מוזן מיר זיך באַהאַלטן צווישן די שפּאַלטן פון די בערג. (זײ שטרעקן אויס זייערע הענט צו תּרשן) אַ, רעד, תּרש! וואָרים הגם דײַן וואוינונג איז איצט אין פּאַלאַץ, זײַנען דאָך אָבער מיטן פאָלק פון תּמיד אָן געווען דײַנע וועגן.

תּרש (טרעט ארויס פאַרויס): ברידער! הלואי וואָלט איך טרייסט פאַרמאָגט צו ברענגען אײַך, אָבער איך האָב צו אײַער ווײמוטיקן געמיט נאָך מער ווײמוט געבראַכט. ווען איך האָב אײַער רוף דערהערט און זיך צו אײַך געקערט, האָב איך אין פּאַלאַץ די שאַף פון דעם פּאַסטוך, וואָס זײַן ווייטיק האָט ער איצט אויסגעדריקט אין אַ טיפן געשריי פון ווײ, — געזען געשאָכטן און געבראָטן, און געפרעסן פון די פּרינצן און די שׂררות, וואָס האָבן זיך פון אַלע עקן וועלט פאַרזאַמלט צו דעם מאַלצייט פון אחשורוש. און אויף די טישן האָב איך דאָרט שטיין געזען די כלים פון גאָלד און זילבער פון אונדזער גאָלדשמיט דאָ און פון זײ האָבן די זויפערס ווײן געזויפן און געבראָכן האָבן זיך די טישן פון דער שווערקייט פון דעם אָנגעלאָדענעם ברויט, פון וועלכן דער פּויער איז באַרויבט. און ווען צו אחשורושן האָבן זיך דערטראָגן אײַערע קולות פון וואָיעריי פון הונ־גער, — האָט עס אָפּגעקלונגען אין זײַנע אויערן ווי די פײַנע מוזיק פון די לווים פון יהודה, וואָס אויף זײ האָבן זײ אין זייער טעמפּל אַמאָל געשפּילט . . . קיין רעטונג וועט פונם קעניגס צד ניט קומען, סײַדן דאָס פאָלק וועט די רעטונג איבערנעמען אין די אייגענע הענט.

דאָס פאָלק: אין די אייגענע הענט? . . . ווי אַזוי? . . .

בגתן: איך וועל אײַך אויפקלערן: מאָרגן אין אַ דיזער

צייט וועלן שוין אחשורוש און אלע זיינע הויפּלייט און אלע שררות ליגן אויסגעצויגן און שיכור ביז גאָר און דאַן — קוקט ארויס אויף אונדזער צייכן, און ווי נאָר מיר וועלן אייך דעם צייכן געבן, — רייסט זיך אַריין ווי אַ שטורעם אין פּאַלאַץ, פאַרכאַפּט דעם געווער פון אחשורושעס משרתים, בינדט די שררות און די פּרינצן, פאַרשפּאַרט אין תפיסה זיי צוזאַמען מיט זייערע משרתים, שמידט דעם קעניג אליין אין קייטן, רינגלט דעם חייל אַרום און ווערט אליין די באַלעבאַטים פון דעם האָב און גוטס, וואָס איז פון אייך גערויבט אויף צו צעפּרעגישן פון די האַרן. ברי־דער, וועט איר מיין עצה פאָלגן?

דאָס פאָלק (הויבט זיך אויף מיט אַ געשריי און מיט אַ שבועה): מיר וועלן פאָלגן! פון אונדזערע קליינע קינ־דערס וועגן וועלן מיר פאָלגן! פון אונדזערע אויסגעהונ־גערטע ווייבערס וועגן!

תרש: וועט איר דערויף אייער שבועה געבן?

דאָס פאָלק (הויבן אויף די הענט): מיר שווערן!

תרש: איז גוט. איצט צעגייט זיך. באַהאַלט זיך צווישן די היילן און צווישן די שפּאַלטן פון די בערג. באַהאַלט זיך, כדי די אויסקוקערס פון דעם קעניג זאָלן אייך ניט באַ־מערקן. און אויסזעער שטעלט אויף די שפּיצן בערג און ווי נאָר מיר וועלן אייך דעם צייכן געבן, — ווי אַ שטורעם טראָגט זיך גלייך אין פּאַלאַץ און פאָלגט אונדזער געבאָט!

(דער המון פאַרשווינדט לינקס; בגתן און תרש גייען אוועק רעכטס. ווי נאָר זיי פאַרשווינדן, קומט מרדכי ארויס פון זיין באַהעלטעניש. ער זעט אויס צורודערט.)

מרדכי: אוי־וואַ! אוי־וואַ! וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, האַ?... אויפן קעניג ווילן זיי נאָר זייער האַנט הויבן?... אויפן געזאַלבטן פון גאָט?... שומו שמים!... וואו איז — דאָס גאָר געהערט געוואָרן?... אוי־וואַ! אוי־וואַ! מען דאַרף לויפן שנעל און אָנזאָגן דעם קעניג! שנעל! אוי־וואַ! אוי־וואַ!

און ער לויפט אוועק.

דער פאַרהאַנג פון הינטערגרונט לאָזט זיך צוריק אַראָפּ און דער קינדער צימער דערשיינט אַזוי ווי ער איז געווען.

די קינדער, זייער אויפגערעגט און דערשיטערט, לויפן צו צום חכם.

שלמהלע: וואָס איז דאָס אַזוינס געשען? . . . עפּעס פאַרשטיי איך ניט . . .

חכם: וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? האָסט דאָך אַליין געלייענט די מגילה.

שלמהלע: יאָ . . . אָבער . . .

חכם: האָסט דאָך אַליין געלייענט, אַז דער קעניג אחשורוש האָט געמאַכט גרויסע סעודות פאַר טויזנטער מענטשן, און ער האָט זיך אויסגעפּיינט מיט זיין רייכקייט, מיט זיינע טייערע כלים, מיט זיינע וואונדערלעכע טעפּיכער, מיט זיינע אַלטע ווייגען, מיט זיינע גוטע מאכלים און אַלץ איז געווען פון שענסטן און פון בעסטן, און אַלץ איז געווען לרוב. איז פון וואַנען, שטעלט זיך דיר פאַר, האָט דער קעניג דאָס אַלץ גענומען?

יודל: ער האָט באַרויבט דאָס פאָלק?

חכם: אודאי!

יודל: און דאָס פאָלק האָט דעריבער געוואָלט מאַכן אַן אויפשטאַנד?

שלמהלע: איצט פאַרשטיי איך שוין וואָס עס מיינט די מעשה פון בגתן און תרש, וואָס זיי האָבן געוואָלט דערהרגענען דעם קעניג!

חכם: דאָס איז דאָס טאַקע.

יודל: און מרדכי האָט דעם קעניג אַלץ דערציילט!

חכם: אפילו אין דער מגילה איז אַזוי פאַרשריבן.

יודל: אויב אַזוי איז ער דאָך ניט אַ תם, נאָר אַ רשע . . . וואָרים ווי קען אַ גוטער מענטש אויסהערן אַזעלכע גערעכטע טענות פון אָרימע און פאַרשקלאַפטע מענטשן און דערנאָך זיי גיין פאַרמסרן?

חכם: ניין, קיין רשע איז ער נים געווען. א רשע איז דער דאזיקער, וועלכער טוט רשעות און ער ווייסט אז סאיז רשעות. אבער מרדכי האט געמיינט, אז ער טוט רעכטס. ער האט געמיינט, אז די פערזאן פון א קעניג איז הייליק, אז א קעניג איז א געזאלבטער פון גאט און אים טאר מען נים באריר, און דערפאר איז ער אוועק ארויסגעבן זיי. אזא מענטש איז א תם.

שלמהלע: און וואס איז ווייטער געווען?

חכם: אט דאס וועלן מיר טאקע באלד זען.

און עס הויבט זיך ווידער אויף די וואנט אין הינטערגרונט און —

מוזיק פון צימבאלן, פליימן, הארפן און פויקן פארהילכן די לופט. די מוזיק דערטראגט זיך פון הינטער דער בינע. צוזאמען מיט דער מוזיק דערטראגן זיך אויך אויסגעשרייען פון א שיכורן המון. קענטיק אז הינטער די ווענט פון דער סצענע איז דא א גרויסע הוליאנקע פון א סך מענטשן.

די סצענע שטעלט פאר דעם זייער רייכן קרוין-צימער פון דעם קעניג אחשורוש. דימענטן, בריליאנטן, גאלד און זילבער באשיינען די ווענט. קענטיק אז דא איז א מוראדיקע עשירות און די עשירות ווערט אויסגעשטעלט פאר בארימעריי, פאר אלעמען צו זען און פאר אלעמען צו באוואונדערן.

ווייט אין הינטערגרונט איז דער טראן פון דעם קעניג אחשורוש. דער טראן שטייט אין פולן ליכט און ער איז אינגאנצן איינגעטונקט אין טייערע שטיינער, וועלכע גלאנצן מיט אלע קאלירן פון א רעגנבויגן.

איבער דער גאנצער לענג פונם צימער, איז אין צוויי רייען אויסגעשטעלט דעם קעניגס וואך: זעלנער אין פאנצירן און מיט בלויזע שווערדן, שפיזן און בויגנס אין די הענט. ברוטאלע, ווילדע פנימער פון מענטשן, וואס זייער באשעפטיקונג איז מלחמה, רויב און מארד.

אחשורושן איז אין צימער נישטא. אין דער באגלייטונג פון אן אפיציר קומט אין צימער אריין מרדכי.

מרדכי, וועלכער האָט פריער קיינמאָל אזא רייכקייט נים געזען, איז זייער שטאַרק פאַרוואונדערט און ער קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטן און פאַרשטייט נים וואָס דאָ איז. ווי אין אַ כישוף־לאַנד וואָלט ער זיך געפונען. ער טרעט זייער פאָרזיכטיג, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו טרעטן אויף די רייכע טעפּיכער. אין זיין גאַנג שטויסט ער זיך אָן אָן די זעלנער און דערשרעקנדיק זיך פאַר זיי שפּרינגט ער אָפּ צוריק און קוקט זיך ארום אין אַלע זייטן מיט מורא און מיט פּחד.

דער אָפיציר פירט אים צו נאָענט צום טראָן.

דער אָפיציר: אין ספר הזכרונות איז דיין דערציילונג שוין פאַרשריבן און איצט שטיי דאָ און איך וועל גיין און זי איבערגעגעבן המנען. וואַרט דאָ ביז וואַנען מען וועט דיר זאָגן וואָס צו טאָן.

דער אָפיציר גייט ארויס. מרדכי, איבערבלייבנדיק אָן אַ פירער, בלייבט ער שטיין אויף זיין אָרט און האָט מורא אַ ריר צו טאָן זיך. אָבער, ווען ער געוואוינט זיך שוין אַ ביסל צו צום ארום, פאַנגט ער אָן פאָרזיכטיק ארומקוקן זיך און באַטראַכטן דעם פּלאַץ. זיין בליק פאַלט אויפן טראָן־שטול. די שיינענדיקע, גלאַנצנדיקע טייערע שטיינער פונם טראָן־שטול פירן אים אריין אין אַן עקסטאַז. ער ווערט ווי באַצויבערט. פאַנגט ער אָן, מיט די הענט אויסגעשטרעקט פאָרויס, ציען זיך צום שטול מיטן גרויסן חשק אָנצורירן אים. אָבער ווי גאָר ער דערנעענט זיך אהין, שטעקט איינער פון די־וועכטער אויס דעם שאַרף פון זיין שפּיז צו מרדכי'ס ברוסט. אין טויט שרעק שפּרינגט מרדכי אָפּ צוריק און ער קוקט זיך ווידער ארום. דער וועכטער ציט צוריק זיין שפּיז. מיט גרויס שרעק פאַנגט מרדכי אָן באַטראַכטן די וועכטער. זיי אַלע שטייען ווי פאַרגליווערט און טוען זיך נים אַ ריר. מרדכי דערשרעקט זיך נאָך מער און ער הייבט אָן רוקן זיך צוריק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן. אָבער די וועכטער פאַרשטעלן אים ווידער דעם וועג מיט די שאַרפן פון זייערע שפּיזן. פון גרויס שרעק הייבט מרדכי אָן ציטערן און אראָפּ־זעצן זיך אויף דער ערד.

און ווי ער זעצט זיך אזוי אראָפּ, נעמט זיך פּלוצים ווידער פונאַנדער דער זעלביקער פאַרהאַנג פון דעם אריינגאַנג אין ציר־מער און עס באַווייזן זיך צוויי סריסים פון דעם קעניג, וועלכע פירן אונטער די הענט אסתרן.

אסתר איז קענטיק אויך זייער איבערגעשראָקן און זי רייסט זיך פון זיי, אָבער די סריסים האַלטן זי פעסט אונטער די אָרעמס און זי איז קעגן זיי אומבאַהאָלפן.

מרדכי, דערזענדיק אסתרן, הויבט ער זיך מיט אימפּעט אויף פון דער ערד און ניט קענענדיק לויפן צו איר, וואָרים די שאַרפן פון די וועכטערס שפּיזן פאַרשטעלן אים דעם וועג, שרייט ער אויס באַנומען און אין מוראדיקן פּחד:

מרדכי: חדסה! . . .

דערהערנדיק דעם אויסגעשריי, הויבט אסתר אויף איר קאָפּ און אַז זי דערזעט מרדכין, וויל זי זיך אויסרייסן פון די סריסים און צולויפן צו אים. אָבער די סריסים האַלטן זי פעסט און זיי לאָזן זי ניט אָפּ. שרייט זי אויס באַנומען:

אסתר: מרדכי! . . .

מרדכי: הדסה! . . . דו? . . . ווי קומסטו אַהער? . . .

אסתר: אוי, מרדכי, איך האָב מורא! . . . זיי . . . דעם קעניגס אויפזעער . . . זיי זיינען געקומען צו אונדז אין הויז . . . מיט געוואַלד האָבן זיי מיך געבראַכט אַהער . . . ראַטעווע מיך, מרדכי! . . .

מרדכי (צו די סריסים): זי איז מיין פעטערס קינד! . . . הדסה . . . זי האָט קיין שלעכטס ניט געטאָן . . . לאָזט זי אָפּ! . . . לאָזט מיך אָפּ! . . . לאָזט אונדז ביידן אָפּ! . . . מיר ווילן גיין אַהיים! . . .

איינער פון די סריסים: שאַ, שריי ניט אַזוי! דאָ טאָר מען ניט שרייען!

מרדכי: אָבער לאָזט זי אָפּ! . . . פאַרוואָס האַלט איר זי? . . .

דער סריס: מיר האַלטן זי ניט פאַר איר שלעכטסקייט, נאָר פאַר איר שיינקייט. איז דיר דען ניט באַקאַנט דעם

קעניגם באפעל, אז צו אים זאלן זיך פארזאמלען אלע שיינע מיידלעך פונם לאנד, כדי ער זאל זיך אויסקלייבן איינע פון זיי פאר א קעניגין אויפן ארט פון ושתי, וועלכע האט דעם קעניג ניט געוואלט פאלגן און דערפאר איז זי גע־טייט געווארן . . .

מרדכי: סטייטש? זי קען ניט ווערן קיין קעניגין. זי איז דאך הדסה . . . מיין פעטערס קינד, וואס איך האב זי גע־האדעוועט. א אידישע טאכטער . . .

און ער ענדיקט ניט, ווארים דערביי פאלט אים איין עפעס א געדאנק. ער פארטראכט זיך א ביסל. קענטיק אז ער פארטראכט עטוואס אזוינס וואס עס איז זייער א דערמוטנדיקע זאך, ווא־רים דער אויסדרוק פון שרעק פאנגט באלד אן פארשווינדן פון זיין פנים, ער גלייכט זיך אוים, און ווען ער הייבט אן רעדן, ציטערט שוין מער ניט זיין קול.

מרדכי (צו די סריסים): אהא, איך פארשטיי שוין. האט איר, הייסט, עס, געבראכט אהער דאס דאזיקע מיידל, אז דער קעניג זאל זי אנקוקן און זען צי זי וועט געפינען ליב־שאפט אין זיינע אויגן. אבער קענטיק אז דאס מיידל איז נאך יונג און אומדערפארן און זי פארשטייט ניט דעם גרויסן גליק וואס ווארט אויף איר. לאזט מיך צו איר צו־גיין און איר אויפקלערן צוליב וואס זי איז אהער געבראכט געווארן, וועט זי אויפהערן צו ציטערן אזוי און אפשר וועט זי נאך אויך פריילעך ווערן.

דער סרים: ניין, דאס קענען מיר ניט טאן. עס איז שטרענג פארבאטן צוצולאזן אפרעמדן מאנסביל צו דער פרוי וואס מען ברענגט פארן קעניג.

מרדכי: דו ביזט גערעכט. אבער מיך מעגסטו צולאזן צו איר„ ווארים איך בין דאך צו איר געוועזן אזוי ווי א טאטע און ביי מיר אין הויז און אונטער מיין אויפזיכט האט זי זיך אויפגעהאדעוועט.

דער סרים: אויב עס זיינען ריכטיק דיינע רייד, קענסטו צו איר צוגיין, אבער צוערשט וויל איך אויסגעפינען צי עס

איז וואָר וואָס דו דערציילסט מיר. (און ער ווענדט זיך צו אסתרן:) דערקענסטו דעם דאָזיקן? ווער איז ער?

אסתר: ער איז מרדכי. זיין פאָטער און מיין פאָטער זיינען ברידער געווען, און ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבן, האָט מרדכי מיך אין זיין הויז אריבערגענומען און ווי אַ פאָטער איז ער צו מיר געווען.

דער סרים (צו מרדכין): אויב אַזוי קענסטו צוטרעטן צו איר רעדן.

זיי לאָזן אסתרן אָפּ און אסתר לויפט צו צו מרדכין און פאַלט צו אים צו מיט אַ געוויין.

אסתר: מרדכי, ראַטעווע מיך! איך האָב מורא. זיי וועלן מיר בייז טאָן.

מרדכי: נאַריש קינד! זיי מיינען דיר ניט טאָן קיין בייז. זיי האָבן דאָך דיך אַהער געבראַכט פאַרן קעניג צו אָנקוקן דיך צי דו וועסט געפינען ליבשאַפט אין זיינע אויגן. דער קעניג וועט דיך נאָך אפשר פאַר זיין קעניגין מאַכן ... שטעל אָן אַ פריילעכן פנים, מיין קינד, הער אויף צו מורא האָבן! וואָרים, אַז דער קעניג וועט דיך דערזען אַ פאַרוויינטע און אַ שרעקעדיקע, וועסטו אים ניט געפעלן ווערן און ער וועט דיך צוריקשיקן אַהיים.

אסתר: זאָל ער מיך ליבערשט אַהיים שיקן ... איך וויל דאָ ניט זיין.

מרדכי: וואָס רעדסטו מיין קינד? ... וואָס רעדסטו? ... וואָס הייסט דו ווילסט גיין אַהיים? דיר איז אפשר באַשערט צו ווערן אַ קעניגין פון דער גרעסטער מדינה אויף דער וועלט, און דו ווילסט גיין אַהיים? ... רעד ניט אַזוי, מיין קינד!

אסתר: אָבער איך האָב פאַר דעם קעניג מורא ... ער איז אַ גרויזאַמער ... אָט האָט ער געטייט די קעניגין ושתי. ער'ט נאָך מיך אויך טייטן ...

מרדכי: דו רעדסט נאַרישקייטן, קינד. דער קעניג האָט געטייט ושתין, ווייל זי איז געווען אַ נאַר און זי האָט ניט

געוואוסט ווי אויפצופירן זיך. אבער דו . . . זאָל דיר ניט ארן איך וועל דיר עצות געבן, וועסטו וויסן ווי אויפ־צופירן זיך מיט דעם קעניג . . . ווען דו וועסט פאָלגן מיינע עצות, וועסטו, און ניט ער, זיין די הערשערין פונם לאַנד . . . אָבער ווער מונטער! שטעל אָן אַ פריילעכן פּנים! האַלט אין זינען דעם גרויסן גליק, וואָס וואַרט מעגלעך דאָ אויף דיר.

אסתר שטרענגט זיך אָן אָנצושטעלן אַ פריילעכן פּנים. אויף די ליפּן ביי איר באַווייזט זיך אפילו אַ שמייכל.

מרדכי: אָט אַזוי, אָט אַזוי, קינד! אַזוי איז גוט! איצט וועסטו דעם קעניג געוויס געפעלן ווערן.

אסתר: אָבער איך ווייס דאָך ניט ווי צו האַלטן זיך און ווי צו רעדן.

מרדכי: זאָל דיר דאָס ניט אַרן. וועסט זיך שוין אויס־לערנען. דאַרפסט אָבער איינס געדענקען: זאָלסט קיינעם ניט אויסזאָגן אַז דו ביזט אַ אידישע! . . . וואָרים . . . ווייסט דאָך ווי מען האָט ליב אַ אידן . . . און אַז דער קעניג וועט זיך דערוויסן אַז דו ביזט אַ אידישע, וועט ער דיך אפילו ניט וועלן אָנקוקן .

אסתר: אָבער . . . מרדכי . . . זיי וויסן דאָך אַלץ איינס. מיין נאָמען אפילו . . . הדסה . . . אַ ריין אידישער נאָמען . . . זיי וועלן גלייך פאַרשטיין אַז איך בין אַ אידישע טאָכ־טער . . .

מרדכי: אוי־וואַ — אַ נאָמען . . . וואָס איז אַ נאָמען? אָט האָב איך אויך געביטן מיין נאָמען און זיך נאָר אַ נאָ־מען געגעבן מ ר ד כ י און קיינער ווייס ניט אַז איך בין אַ איד . . . מיר'ן אויך דיין נאָמען בייטן . . . זאָל דיין נאָמען זיין . . . (ער שטרענגט זיך אָן צוצוטראַכטן אַ שיינעם נאָמען) זאָל ער זיין . . . אַ, איך האָב שוין צוגעטראַכט! א ס ת ר! אסתר איז זייער אַ שיינער נאָמען . . .

אסתר: אסתר גאָר? . . .

מרדכי: וואָס איז? סגעפעלט דיר ניט?

אסתר: יאָ, אָבער . . . סאיז מאָדנע . . .

מרדכי: וועסט זיך צוגעוואוינען, וועט דיר ניט זיין מאָדנע! איז גערענקט!

און ער ענדיקט ניט, וואָרים עס לויפט צו דער סרים און שלעפט אסתרן פון אים אוועק.

דער סרים: דער קעניג קומט!

עס קומט אָבער ניט דער קעניג אריין, נאָר המן מיט דעם זעלבן אָפיציר, וואָס האָט פריער אריינגעבראַכט מרדכין.

אין המנען דערקענען מיר באַלד דעם רשע, וועלכער איז דער צווייטער זון פון דער הגדה און וואָס זיין קול האָבן מיר פריער געהערט, אָבער אים אַליין האָבן מיר ניט געזען.

מרדכי, ווי נאָר ער דערזעט המנען, ווערט ער זייער פאַרוואונדערט און ער הייבט זיך אָן רוקן אין זיין ריכטונג.

המן באמערקט ניט מרדכין און ער רעדט צום אָפיציר:

המן: איז וואו איז דער דאָזיקער, וואָס האָט דיר געבראַכט די דערציילונג וועגן דעם אויפשטאַנד?

דער אפיציר (ציינט אָן אויף מרדכין): דאָס איז ער.

המן דערזעט מרדכין, פאַרוואונדערט ער זיך אויך זייער שטאַרק און ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן.

מרדכי: אָ־וואָ! . . . המן! . . . דו? . . . און איך האָב דיך אומעטום אַרומגעזוכט.

ער וויל צולויפן צו המנען.

המן אָבער באַהערשט זיך באַלד פון זיין פאַרוואונדערונג און שרעקט און ער שרייט אויס מיט אַ דונערדיקן קול:

המן: שטיי! וואוהין גייסטו? שטיי אויף דיין אָרט!

די וועכטער שטעלן גלייך אָן אויף מרדכין די שאַרפן פון זייערע שפיזן.

מרדכי: המן! איך האָב דאָך דיך אַרומגעזוכט די גאַנצע ציט, און דו ביזט גאָר דאָ? . . .ווי קומסטו אַהער? . . .

המן: ווער ביזטו, וואָס דו וואַגסט אַזוי צו רעדן צו מיר? בעל־חוצפה! פאַל אויף דיינע קני קעגן מיר! פאַל אויף דיינע קני קעגן דעם הערשער פון פרס, וואָס בלויז דער

קעניג איז העכער פון אים!

מרדכי (דערשטוינט): וואָס הייסט? . . . וואָס הייסט איך זאָל זיך בוקן קעגן מיין אייגענעם קנעכט? . . . וואָס טוט זיך דאָס דאָ? . . . איך האָב דאָך אפילו נאָך דעם כתב, וואָס דו האָסט אַליין אונטערגעשריבן, אַז דו ביזט מיין קנעכט אויף אייביק.

המן: שווייג!

מרדכי דערשרעקט זיך און ווערט אנטשוויגן. ער איז אין גאַנצן צוטומלט און ער פאַרשטייט ניט וואָס דאָ געשעט.

המן: ווער ביזטו? ווי רופט מען דיך?

מרדכי: וואָס הייסט? ווייסט שוין ניט ווער איך בין? דו ווייסט וואויל, אַז איך בין מרדכי! . . .

המן: מרדכי . . . מרדכי . . . אַ ריין פּערסישער נאָמען, אָבער דיין אויסזען איז ווי פון אַ מאַן פון יהודה . . .

מרדכי שלעפּט ארויס פון זיין בוזים אַ כתב.

המן: וואָס פאַר אַ כתב האַלסטו דאָס דאָרט? (צום אַפּי־ציר) גיי און נעם ביי אים דעם כתב און איך וועל זען וואָס דאָרט שטייט פאַרשריבן.

מרדכי (שטרעקט אוים דעם כתב צום אַפּיציר): אָט זע אַליין! דיין אייגענע חתימה, אַז פאַר אַ קנעכט האָסטו זיך צו מיר פאַרקויפט אויף אייביק.

דער אַפּיציר נעמט ביי אים דעם כתב.

המן: שווייג! (ער נעמט דעם כתב פון דעם אַפּיציר און קוקט אין אים אריין) אַ, איך זע שוין: דאָס איז דאָך דער כתב, וואו דו שרייבסט אַז דו פאַרקויפסט זיך צו מיר פאַר אַ קנעכט, כדי . . . אָבער . . . (ער דערזעט אַז מרדכי האָט גע־עפנט דאָס מויל און וויל עטוואָס אָנהייבן רעדן, שרייט ער אוים מיט אַ קול ווי פון אַ דונער) שווייג! רעד אוים נאָך איין וואָרט און דו ווערסט דורכגעלעכערט פון די שפּיזן פון די וועכטער!

די וועכטער שטעלן גלייך אָן אויף מרדכין זייערע שפּיזן

המן: איך וויל דיך אפילו פאַר קיין קנעכט ניט האָבן און

דעריבער . . . אַט זעסטו . . . איך צעריים דעם כתב און דו ביזט איצט אַ פרייער מענטש! . . .

מרדכי (פּאָרציטערט): ריים ניט! ריים ניט!

אָבער די וועכטער רוקן צו די שפּיזן נעענטער צו מרדכין און ער ווערט אַנטשוויגן.

עס קומט אַריין אַ דינער.

דער דינער: דער קעניג קומט!

המן מאַכט אַ צייכן און די וועכטער ציען אָפּ זייערע שפּיזן פון מרדכין. אַלע, אַחוץ די וועכטער פאַרנייגן זיך ביז דער ערד.

אחשורוש קומט אַריין אַן אויפגערעגטער.

אחשורוש: מיך אין תפיסה? . . . וואָס הייסט מיך אין תפיסה? . . . איך בין דאָך דער הערשער איבער . . . (ער הייבט אָן ציילן אויף די פינגער) איינס . . . צוויי . . . דריי . . .)ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין ציילן) המן! המן! דו ווייסט דאָך בעסער: איבער וויפיל מדינות קעניג איך?

המן: זיבן און צוואַנציק און הונדערט, מיין קעניג!

אחשורוש: יאָ! יאָ! אַזויפיל טאַקע! און הערסט, המן, וואָס זיי ווילן טאָן? זיי ווילן דאָך מיך פאַרשפּאַרן אין תפיסה ....איז וואָס זאָל מען טאָן? . . .

המן: באַפעל, אָ, גרויסער קעניג, און מען וועט טייטן די צוויי דינער דיינע, וואָס האָבן די פאַרשווערונג געמאַכט קעגן דיר. זאָל מען אויפהענגען בגתן און תרש און דאַן קענסטו זיך רואיק צוריקקערן צו דיין מאַלצייט.

אחשורוש: דאָס, זעסטו, איז טאַקע אַ גוטע עצה! און מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלן . . . זאָל מען זיי טאַקע אויפהענגען! . . . אָבער ווער וועט דאָס טאָן? . . .

המן: דאָס וועל איך שוין באַזאָרגן.

אחשורוש: אָבער שוין! טו עס שוין! ווארים איך האָב מורא . . .

המן: שרעק זיך ניט, אָ, גרויסער קעניג, ווארים אַט גלייך פיר איך אויס דיין באַפעל. (צו צוויי וועכטער) האָט איר גע־הערט דעם קעניגס באַפעל? גייט שוין און טוט וואָס דער

קעניג הייסט!

די צוויי וועכטער גייען ארויס.

אחשורוש: אזוי פארצארנט איז דאס מיין פאלק? . . .

אזוי פארצארנט? . . .

מרדכי (קומט ארויס און בוקט זיך פארן קעניג ביז צו דער ערד): דאס האב איך דעם אנזאג פונם אויפשטאנד פאר דיר גע־בראכט, א, גרויסער קעניג! איך!

אחשורוש: דו? און ווער ביזטו?

מרדכי: איך בין מרדכי, א געטרייער דינער צו מיין האר דעם קעניג. איז ווי נאר איך האב דערהערט די רייד און די שלעכטע עצות פון די מענטשן פון פאלק, האב איך זיך געאיילט אהער צו קומען און אנזאגן דאס צו מיין האר.

אחשורוש: א, איך זע אז דו ביזט מיר געטריי און דער־פאר וועסטו קריגן דיין לוין. (צו איינעם פון די דינער:) פאר־שרייב דאס אין בוך! פארשרייב, אז דער דאזיקער זאל קריגן זיין לוין!

דער דינער: יא, מיין קעניג!

אחשורוש (צו מרדכין): איצט קענסטו גיין. וועסט שוין דיין לוין קריגן.

מרדכי: זאל ניט צארענען אויף מיר דער קעניג, אבער איידער איך גיי, וואלט איך געוואלט . . .

ער פארלירט זיך און ער ווייסט ניט ווי צו ענדיקן.

אחשורוש: וואס ווילסטו?

מרדכי: איך מיין . . . אט דער דאזיקער . . . המן . . . דעם כתב . . . ער האט אים צעריסן . . .

אחשורוש: איך פארשטיי ניט וואס דו רעדסט.

המן מישט זיך אבער דא אריין און ער קומט צו צום קעניג.

המן: א,איך ווייס שוין וואס ער מיינט! דער קעניג דארף וועגן דעם ניט הערן. שוין זשע דארף דער גרויסער קעניג פון זיבן און צוואנציק און הונדערט מדינות אויסהערן אלע נארישקייטן פון זיינע קנעכט? דערלויב מיר, א, גרויסער קעניג, און איך וועל ביי אים אויספרעגן. זאל דער קעניג

ליבערשט קערן דיין בליק אהין . . . (ער צייגט אַן אין דער ריכטונג פון אסתרן) זאָל דער קעניג זען וועמען זיינע קנעכט האָבן אים געבראַכט אויפן אָרט פון ושתין, אַז זי זאָל זיין די קעניגין פונם לאַנד.

מרדכי, זענדיק אַז המן וויל אים אַפּשטויסן פונם קעניג און ער לאָזט אים ניט רעדן, וויל ער דוקא צוקומען צו אחשורושן און אויסטענהן זיך. אָבער עס קומט צו אים צו דער אָפּיציר און שטופּט אים אָפּ אַן א זייט.

דער אָפּיציר: שוויַיג דו תם! טרעט אָפּ!

אחשורוש ווענדט זיין בליק אין דער ריכטונג פון אסתרן. קענטיק אַז זי געפעלט אים. גיט ער המנען א צייכן און המן דערנעענט זיך צו אים און צווישן זיי פּאַרפירט זיך א שטילער שמועס. אחשורוש איז קענטיק זייער צופרידן, וואָרים באַלד פּלאַצט ער אויס אין א לוסטיקן געלעכטער.

אחשורוש: זאָל זי צוקומען נעענטער! (דאָס מיינט ער אסתרן.)

די סריסים פירן צו אסתרן צום טראָן. אחשורוש באַטראַכט זי שוין איצט פון דער נאָענט און ער שעפּטשעט זיך ווידער מיט המנען.

אחשורוש (צו אסתרן): וואָס איז דיין נאָמען, דו אויס־דערוויילטע פאַרן קעניג?

אסתר (פאַרלוירן) : מיין נאָמען . . . אַ, גרויסער קעניג! מיין נאָמען . . .

קענטיק אַז זי האָט פאַרגעסן דעם נאָמען, מיט וועלכן מרדכי האָט איר געהייסן אָנרופן זיך. מרדכי קומט איר אָבער צו הילף:

מרדכי: אסתר איז איר נאָמען, אַ, גרויסער קעניג! אסתר!

המן איז קענטיק אומרואיק פון מרדכים אַרויסטריט.

אחשורוש: אסתר? אַ־וואַ! א שיינער נאָמען. זייער א שיינער. (צו המנען) אמת אַז א שיינער נאָמען?

המן: יאָ, מיין קעניג, זייער א שיינער נאָמען.

אין דער זעלבער צייט גיט המן א צייכן צום אָפּיציר, אַז ער זאָל אָפּהאַלטן מרדכין פון ווייטערדיקע אַרויסטרעטונגען. דער

אַפּיציר מאַכט צייכנס צו מרדכין, אָבער דער לעצטער פאַרשטייט ניט וואָס ער מיינט.

אחשורוש (צו המנען): איר אויסזען איז ניט ווי פון אַ טאָכטער פון פּרס. פון וואָס פאַר אַ פאָלק איז זי?

המן: פרעג ביי איר, מיין קעניג, און זאָל זי דיר אַליין דערציילן.

אחשורוש: פון וואָס פאַר אַ פאָלק ביזטו, דו שיינע טאָכטער?

אסתר איז אין גרוים פאַרלעגנהייט און זי שווייגט.

אחשורוש: פאַרוואָס ענטפערסטו ניט?

אסתר איז נאָך אין אַ גרעסערער פאַרלעגנהייט, אָבער מרדכי קומט איר ווידער צו הילף.

מרדכי: צו וואָס זאָל דער קעניג פרעגן פאַר איר פאָלק, אַז סאיז אויך פון איר פאַרהיילן, וואָרים זי איז דאָך אַ יתומה, וואָס סיי איר פאָטער און סיי איר מוטער זיינען איר פרי געשטאָרבן.

המן (צו אחשורושן): זע נאָר די חוצפה פון דעם דאָזיקן, וואָס ער קומט ענטפערן און ווען מען פרעגט ביי אים ניט און וואָס ער איז נאָך דאָ, ווען דער קעניג האָט אים געהייסן אוועקגיין. (צום אַפּיציר:) זאָל ער אַרויס פון דאַנען!

דער אַפּיציר פירט מרדכין אַרויס. המן אָטעמט לייכטער אָפּ.

המן (צום קעניג): זי איז אָנגעשראָקן די שענסטע מיידל פונם לאַנד. די שיינקייט און רייכקייט פונם פּאַלאַץ און די גרויסקייט פון מיין האַר דעם קעניג האָבן געבראַכט פחד אין איר האַרץ. זאָל זי בעסער אָפּגעפירט ווערן אין דעם פּאַלאַץ פאַר פרויען, זאָל זי דאָרט אָנגעטאָן ווערן קעניגלעך און זיין גרייט פאַרן גרויסן מאָלצייט, וואָס דער גרויסער קעניג וועט פון איר כבוד וועגן מאַכן היינט אָוונט אין פּאַלאַץ.

אסתר ווערט אַרויסגעפירט.

אחשורוש: און איצט וועל איך זיך צוריקקערן צו מיינע קעניגן און צו דעם מאָלצייט וואָס איז פאַר זיי געמאַכט.

ער הייבט זיך אויף און וויל אוועקגיין, אבער המן פארהאלט אים.

המן: זאל פארגעבן מיר דער קעניג, וואס איך וויל רעדן איצט צו אים און איך שטער אים פון דעם מאלצייט, צו וועלכן ער וויל איצט גיין.

אחשורוש: רעד און איך וועל הערן.

המן: דאס פאלק איז ארים און דערפאר איז ער מקנא דעם קעניג זיין רייכקייט און ער וויל מאכן אן אויפשטאנד קעגן אים.

אשחורוש: סטייטש? ווער האט דאס דאס פאלק ארים געמאכט?

המן: עס וואוינט אין דיין מדינה א פאלק, וואס קיין מלאכה טוט ער קיינמאל ניט, און זיין גלויבן איז אנדערש פון דעם גלויבן פון אלע פעלקער. דעם קעניג פאלגט ער קיינמאל ניט און לעבן לעבט ער אויף רויב און וואס ער נעמט תמיד צו די פראצע פון דיינע אייגענע פעלקער. דערפאר טאקע איז דיין פאלק פארארימט און זיי ווילן קעגן דיר אן אויפשטאנד מאכן. דאס רויבער פאלק איז דאס פאלק יהודה. פארוואס, א, גרויסער קעניג, שיצטו ניט דיין פאלק קעגן יענע בלוטזויגערס? . . . ווילסטו ראטעווען דיין פאלק פון יענע רויבער, איז גיב דיין באפעל, אז מען זאל אויסראטן דאס פאלק יהודה פון דיין לאנד. און אז דער קעניג וועט מיין עצה פאלגן, וועלן דיינע אויסגעליידיקטע שאץ־קאמערן צוריק אנגעפילט ווערן מיט דעם גאלד און זילבער פון די אידן, וואס זיי האבן זיי אנגערויבט פון דיין פאלק. דיינע אוצרות וועלן דאן צוריק אנגעפילט ווערן, און דיין גרויסקייט און רייכקייט וועט איבערשטייגן די רייכקייט און גרויסקייט פון דער גאנצער וועלט, און . . .

אחשורוש (שטעלט אים אפ): גענוג, גענוג, המן! צי בין בין איך דערויף א קעניג, אז איך זאל דארפן אויסהערן מעשיות וועגן אלערליי רויבער וואס זיינען דא אין מיין לאנד? אויב רויבער זיינען דא, דארפסטו קעגן זיי מלחמה האלטן. ווארים דו ביזט דאך קלוג און דו ווייסט אליין ווי

זיך אַן עצה געבן מיט זיי. האָב איך דען אומזיסט דעם רינג פון מלוכה דיר געגעבן? און איצט לאָמיר צו אונדזער מאָל־צייט גיין!

המן (דערפרייט): יאָ, מיין האַר און קעניג —

אחשורוש הויבט זיך אויף פון זיין אָרט און גייט אַרויס. המן גייט אים נאָך. ביים אַרויסגאַנג שטעלט זיך המן אָפּ און דראָענדיק מיטן פויסט און מיט אַ ווילדן געלעכטער רופט ער אויס:

המן: אַ כתב האָסטו אויף מיר, אָ, מרדכי? . . . כאַ־כאַ־כאַ . . . ניט נאָר דו אַליין, נאָר דיין גאַנץ פאָלק וועט פאַרניכט ווערן און ווער וועט דאַן דעם כתב מאָנען פון מיר? . . .

המן וויל אַרויסגיין און דער פאָרהאַנג פון דער צווייטער בינע פאַנגט זיך שוין אָן אַראָפּלאָזן, אָבער דאָ דערהערט זיך אַ באַנומענער געשריי: — וואַרט!

המן קוקט זיך פאַרוואונדערט אַרום און דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף צוריק. פון דער ערשטער בינע שיידט זיך אָפּ דער תם ביז נאַר, וועלכער איז איצט ויזתא, המנס אינגסטער זון. ער לויפט אַרויף אויף דער צווייטער בינע און וואַרפט זיך צו המנען מיט אַ געוויין.

ויזתא: טאַטע! טאַטע!

המן (פאַרוואונדערט): ויזתא? . . . וואָס טוסטו דאָ? וואָס דאַרפסטו דאָ?

ויזתא: פרעגסט נאָך, טאַטע, וואָס איך דאַרף . . . און איבער דיין רשעות האָט מען דאָך מיך אויך אויפגעהאַנגען . . . אַזוי יונג פון דער וועלט אַוועק . . . אַזוי יונג . . . אַזוי אומשולדיק . . . אוי! אוי! אוי! און איך האָב דאָך פון גאָרנישט געוואוסט . . . און איצט דאַרף איך אייביק וואַנדערן איבער דער וועלט ווי אַ תם ביז נאַר און גאָרנישט וויסן און גאָרנישט פאַרשטיין . . . טאַטע! שפּיל די שפּיל אַביסל אַנדערש און איך וועל ווערן אויס תם ביז נאַר . . . טאַטע! . . . אוי! אוי! אוי!

און ער פאַרגייט זיך אין געוויין.

המן (שטויסט אים אָפּ פון זיך): אַוועק, דו ויזתא קליינער!

וואָס הייסט, איך וועל אַנדערש שפּילן די שפּיל? . . . און מרדכי? . . . און די אידעלעך? . . . אויסוואַרצלען וועל איך זיי! . . . וואָס מיינסטו, איך וועל דען איבערלאָזן אין זייער האַנט דעם כתב פון מיין קנעכטשאַפט? . . . אין קנעכט־שאַפט צו וועמען? . . . צו דעם גרויסן תם? . . . ניין! ניין!! ניין!!! יעדן יאָר וועל איך מיין קאַמף באַנייען און אפילו איך זאָל סוף־כל־סוף געשלאָגן ווערן, — וועל איך אָבער מיט שרעק זייערע הערצער צעטרייסלען. און אויב די שפּיל פון המן וועט זיך מיר אפילו ניט איינגעבן, וועט זיך מיר אָבער איינגעבן די שפּיל פון אַ באַגדאַן כמעלניצקי, אָדער פון אַ טאָרקוועמאַדאַ! . . . אַוועק, דו ויזתא קליינער און זאָל זיך דער פאַרהאַנג אַראָפּלאָזן! וואָרים איך וויל ניט אַז מען זאָל זען מיין המן־מפּלה, נאָר זאָל מען זען בעסער מיין כמעלניצקי זיג! . . . **פאַרהאַנג!**

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ. עס ווערט צוריק דער קינדער־שער שלאָפצימער און אין פענצטער באַווייזט זיך ויזתא. ער שפּאַרט זיך אָן אָן פענצטער און פאַרגייט זיך אין געוויין.

ויזתא: אוי! אוי! אוי!

דער חכם לויפט צו צו אים, נעמט אים אַראָפּ פון פענצטער און ברענגט אים אַריין צוריק אין צימער.

חכם: שאַ, וויין ניט, דו אומשולדיקע באַשעפעניש, דו אָרים, אייביק באַליידיקט קינד. שאַ, וויין ניט.

ויזתא (ווערכער איז שוין איצט צוריק דער תם ביז גאָר): האַ? . . . וואָס? . . . ניט וויינען? . . .

חכם: ניין, מען דאַרף ניט וויינען.

און ער לאָזט אים אַראָפּ אויף דער ערד. תם ביז גאָר פאַרבלייבט זיך אין אַ ווינקל, ו׳טראַכט די וועלט, קוקט און פאַרשטייט ניט.

די קינדער, מוראדיק פאַרוואונדערט און אויפגערעגט, רינגלען אַרום דעם חכם.

שלמהלע: און וואָס וועט איצט זיין?

יודל: וועסטו אונדז ווייזן דעם סוף פון דער פורים שפּיל?

חכם: ניין. צוליב וואָס זאָל איך אייך ווייטער ווייזן? דעם סוף פון דער שפּיל ווייסט איר דאָך פון דער מגילה.

פייגעלע: אסתּר איז עפּעס אַזאַ מאָדנע . . . איך האָב זיך זי אַנדערש פאָרגעשטעלט. איך האָב זי שוין איצט ניט אַזוי ליב . . .

יודל: און מרדכי? עפּעס מאָדנע . . . ער איז ניט אַזאַ גרויסער תּם, אָבער . . .

חכם: וואָס אָבער?

יודל: איך ווייס ניט . . . איך האָב געמיינט אַז ער איז אַזאַ גרויסער צדיק, אָבער ער איז ניט אַזאַ אומשולדיקער . . .

שלמהלע: מיר דוכט, אַז ער איז אויך געווען אַ שטיקל רשע. טאַקע אַ תּם, אָבער אַ רשע אויך. ווארים ער האָט דאָך שפּעטער אויפגעהאַנגען ניט נאָר המנען, נאָר אויך אַלע זיינע קינדער. און נאָך אַ סך מענטשן האָט ער אויסגעהרגעט. פאַרוואָס? . . .

חכם: איך וועל דיר דערקלערן: דאָס פאָלק איז געווען אומצופרידן מיט אחשורושן פאַר זיינע גרויסע שטייערן און האָט טאַקע שפּעטער געמאַכט אַן אויפשטאַנד. נו, און מרדכי, וועלכער איז געוועז שני-למלך, האָט זיי אונטערדריקט . . .

יודל: אויב אַזוי איז ער דאָך טאַקע געווען אַן אמתער רשע! . . .

חכם: דער גייסט פון רשע קומט זייער אָפט אַריין אין גוף פון תּם, ווען ער דערהויבט זיך צו הערשאַפט.

שלמהלע: וואָס הייסט?

חכם: אַזוי איז דאָס שלמהלע. אַ הערשער האָט ליב צו הערשן, איבערהויפּט, אַז ער איז אַ תּם און איז פול מיט גאווה. באַהערשטע ווילן אָבער ניט זיין באַהערשט. הייבט דער הערשער אָן צו הערשן מיט געוואַלד; פאַנגט זיך אָן אַ שטרייט, און אַזוי קייטלט זיך דאָס ביז וואַנען דער תּם ווערט אַ רשע. .

יודל: אבער אמאל קען דאך איינער זיין סתם א רשע. פון רשעות וועגן.

חכם: יא, דאס קען אויך זיין . . .

שלמהלע: ווי דיין ברודער דער רשע . . .

חכם: יא, ער איז דער אייביקער גייסט פון רשעות.

יודל: ער האט דאך געזאגט, אז ער וועט נאך קומען ווי אין גזרת ת"ח.

חכם: געוויס, ווארים דו האסט דאך אים ארויסגערופן.

יודל (פארוואונדערט): איך? . . .

חכם: האסט דאך פארבעטן צו זיך די זויבער ליכטיקע נשמות פון די געפייניקטע פון די ווילדקייטן פון די קאזאקן . . .

יודל: יא, אבער . . .

חכם: אבער וואס?

יודל: אבער איינעם מיט די קדושים וועט דען קומען אויך דער רשע?

חכם: ווי דען?

יודל: און ער וועט ווייזן ווי ער הרגעט, פייניקט, פארברענט? . . .

חכם: דאס וואס ער האט דאן געטאן . . .

יודל: און וואס האסטו דאן געטאן?

חכם: איך בין דאן שטום געווען . . . איך האב דאן גארנישט געקענט טאן . . . איך האב בלויז געקענט שטארבן . . . שטארבן . . . בלוטיקן . . .

יודל: און דער סוף?

חכם: דער סוף איז נאך ניט געקומען . . .

יודל: וועט ער אמאל קומען?

חכם: געוויס.

יודל: איז באווייז אונדז בלויז דעם סוף . . . איך האב חרטה . . . איך וויל ניט זען דעם יאר ת"ח, — באווייז מיר ליבערשט דעם יאר וואס וועט מיט דער צייט קומען!

פייגעלע (כמעט וויינענדיק): איך וויל דעם רשע מער ניט

זען! זאָל ער בעסער שוין מער ניט קומען! דעם סוף! דעם סוף!

שלמהלע: יאָ! יאָ! דעם סוף! איך בעט דיך אויך!

חכם: אָבער דער סוף איז דאָך בלויז אַ נבואה.

יודל: זאָל זיך זיין אַ נבואה, אָבער מיר ווילן אים זען!

חכם: וויבאַלד איר בעט זיך אַזוי שטאַרק, וועל איך אייך ווייזן. אָבער (ער לאָזט אַראָפּ זיין שטימע און זאָגט שטיל צו די קינדער) די נבואה, זי קומט פון מיר, און מיין נאָמען איז — יחזקאל . . .

ער קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט, דעקט זיך איבער מיט זיין מאַנטל, און ווען ער דעקט זיך אָפּ, דערשיינט ער ווי יחזקאל הנביא.

יודל (דערפרייט): איך האָב געוואוסט, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו ביזט אין דעם גייסט פון נביאים . . . (ער ציינט אָן אויפן תם ביז גאָר) און ער?

חכם: אַט וועט איר שוין באַלד זען. איך מוז אים אָבער איצט אַרויספירן פון דאַנען, און אַז ער וועט זיך צוריק באַווייזן, וועט איר זען וואָס ער איז און ווער ער וועט מיט דער צייט זיין.

און ער הויבט אים אויף און זעצט אים אַרויס אין דרויסן דורכן פענצטער.

שלמהלע: און דער תם? און דער רשע?

חכם: אינם חשבון פון דער וועלט פון דער גרויסער צו־קונפט וועלן זיי ניט אַריין. זיי וועלן דאַן זיין **א ו י ס** .

עס הויבט זיך לאַנגזאַם אויף די וואַנט פונם הינטערגרונט און עס באַווייזט זיך אַ גרויע, טונקעלע פּאַנאָראַמע פון אַ זייער פאַר־רעגנטן, נעבעלדיקן טאָג איבער אַ בית־עלמין.

אַ טויט שטילקייט. קברים אויף קברים. גאָר אַלטע קברים מיט צעפאַלענע מצבות, איינגערע קברים, מיט מצבות פון וועלכע די פאַרב איז בלויז אָפּגעקראַכן, יונגע קברים און גאָר פרישע קברים. קברים און קברים — ביזן סאַמע האָריזאָנט. און חוץ קברים איז מער גאָרנישטאָ

און סאיז כמורנע, נעבלדיק — ווי דער גאַנצער בית־הקברות

וואָלט געווען פאַרטיפט אין אבלות.

צווישן די קברים שטייען דאָ און דאָרט צעדאַרטע, צעטריקנטע ביימער, מיט אַראָפּגעלאָזטע, האַלב צעפוילטע צווייגן, אויף וועלכע סאיז קיין איין בלעטעלע ניטאָ. דאָ און דאָרט אויך צע־טריקנטע קוסטעס. קיין איין גרעזעלע אין ערגעץ ניט. גרויקייט און טויט איז פאַרשפּרייט אומעטום.

שטיל. קיין איין קול, קיין איין קלאַנג.

אָבער באַלד הייבט זיך אָן דערטראָגן אַן אויסגעצויגענער, טרויע־ריקער, קלאָגעדיקער קול. ער איז ווי דער קול פון אַ פרוי, וועלכע פאַרכלינעט זיך אין געוויין. און נאָך טרויעריקער איז ער. ווי אַ גאַנצע מחנה וואָלט זיך פאַרכלינעט אין געוויין. ווי די גאַנצע נאַטור וואָלט געוויינט. ווי די גאַנצע פּאַנאָראַמע וואָלט אויסגעדריקט איר מוראַדיקן צער אין געוויין. ווי דער טרויער פון דער גאַנצער וועלט וואָלט זיך צונויפגעקומען אין איין אָרט און צעוויינט זיך.

דאָס געוויין האַלט אָן. און יחזקאל טיילט זיך אָפּ פון די דריי פאַרטרויערטע און פאַרציטערטע קינדער און לאָזט זיך לאַנג־זאַם גיין צום בית־הקברות. לאַנגזאַם גייט ער אַהין אַריין און הייבט אָן שפּאַצירן צווישן די קברים. ער שפּאַצירט פון איין קבר צום צווייטן, באַטראַכט זיי. אַנדערע מצבות זיינען שוין אַזוי אַלט, אַז ווי נאָר ער רירט זיי אָן, צעפאַלן זיי זיך.

און אַ טיפער טרויער דריקט זיך אויס אויף יחזקאלס פּנים. זיין געשטאַלט ווערט איינגעהויקערט, איינגעבויגן און אַזוי שפּאַצירט ער אַרום די קברים.

ביז וואַנען זיין צער ווערט אַזוי טיף, אַז זיינע פיס הייבן אָן ציטערן און ער קען שוין מער ניט שפּאַצירן און ער פאַלט אַני־דער אויף דער ערד. ער פּרוּווט זיך צוריק אויפהויבן און ער האַלט זיך אָן די קברים און פּרוּווט ווייטער שפּאַצירן.

אָבער באַלד פאַלט ער און קען שוין צוריק מער ניט אויפשטיין. בלייבט ער ליגן אויף דער ערד, גראָבט איין זיין פּנים אינדי דאַלאָניעס פון זיינע הענט און זיין גאַנצער גוף פאַנגט אָן ציטערן אין קאָנוואולסיעס און פון זיין האַלדז רייסט זיך אַרויס

א פארצווייפלטער געשריי.
אט דער געשריי איז ניט נאר א געוויין, נאר סאיז אויך אן אויס־
געשריי פון פארצווייפלונג, א פארוואורף, און א טיפער, אומ־
געהויערער צער.
און דאס געשריי פון יחזקאל גיסט זיך צונויף מיט דעם יאמער,
וואס טראגט זיך פון ערגעץ און מען וויים ניט פון וואנען און
וואס עס דוכט זיך אז די גאנצע וועלט האט זיך צעוויינט.
פלוצים דערהערט זיך א קול פון ערגעץ און מען וויים ניט פון
וואנען ער קומט. און דער קול איז אזוי מאכטיק, אז ער חערט
זיך ארוים שארף און בולט און ער טיילט זיך אוים פון דער ארו־
מיקער וואיעריי.

דער בת קול:

פון דעם יאמער פון ארום,
צי קען אמאל פרייד זיך גיסן?
און פון די קברים פון ארום,
צי קען אמאל לעבן שטייגן?

יחזקאל דערהערט דעם קול, אבער ער ווייסט ניט צידאס דוכט
זיך אים בלויז צי דאס איז וואר. דערשטיקט ער אין זיך זיין
געוויין און הויבט לאנגזאם אויף זיין קאפ און ער קוקט זיך
ארום, זוכנדיק פון וואנען דער קול קומט.
ער זעט אבער קיינעם ניט. עס שטייען נאך אלץ די קברים אויף
זייערע ערטער און עס הערט ניט אויף די וואיעריי.
וויל ער שוין צוריק פאלן צו דער ערד און צוריק צוטוליען זיך
צו איר, צו פארטיפן זיך אין טרויער און צו צעזופניסן זיך
מיט דעם צער פון ארום. דערהערט זיך אבער צוריק דער קול.

דער בת קול:

וואס דו האסט געהערט
איז צו דיר א פראגע,
צי יאמער און טויט
קען לעבן און פרייד געבוירן?

יחזקאל:

ווערענס קול דערטראגט זיך דאס צו מיר

אין דעם חורבן פון דער וועלט,
ווען אַלע קולות זיינען שוין דערשטיקט,
חוץ דעם קול פון יאָמער?

דער בת קול:

עס רעדט צו דיר דער קול,
וואָס הילכט פון חורבות אַלעמאָל אַרויס,
ווען לעבן איז צעשטערט —
פאַר בויאונג פון נייעם לעבן.
און עס מאָנט דער קול פון דיר,
אַז דו זאָלסט אויסדרוק געבן
צו וואָס פאַרבאָרגן איז אין דיין האַרץ
און וואָס, פאַרטויבט פון טרויער,
האָסטו אין דיין האַרץ דערשטיקט.
נביא! שטעל צוריק זיך אויף די פיס
און די דערשטיקטע נבואה
זאָג אַרויס!

יחזקאל:

צו וועמען זאָל איך רעדן? . . .
אַ בית־עלמין איז דאָך די וועלט
און לעבן איז אויסגעגאַנגען
און פאַרדעקט מיט מצבות . . .

דער בת קול:

דאָך רעד!
וואָרים אַזוי האָט גאָט געזאָגט: —
דאָרט וואו דער קול פון נבואה קומט,
שפּראָצט לעבן
אפילו פון אונטער קברים אַרויס!
רעד!

יחזקאל, פאַרוואונדערט, הויבט זיך אויף פון זיין אָרט און שטעלט זיך אוועק. ער בלייבט שטיין אויף איין אָרט און רירט זיך נים. ער קוקט זיך אַרום. גלעט זיך און רייבט זיך דעם שטערן, ווי עטוואָס פאַרגעסנס וואָלט ער זיך געוואָלט דערמאָנען.

און קענטיק אז ער הייבט זיך אָן טאַקע עפּעס דערמאָנען, וואָרים זיין פּנים הייבט אָן ווערן ליכטיקער, זיין געשטאַלט הייבט זיך אָן אויסגלייכן, זיינע אויגן צעגלאַנצן זיך, און זיינע הענט הייבן זיך אָן אויסשטרעקן, ווי ער וואָלט בענטשן געוואָלט. און פּלוצים הייבט אָן דער אָרט, אויף וואָסערן ער שטייט, אויפהויבן זיך און עס ווערט געשאַפן ווי אַ פּיעדעסטאַל אונטער אים, און, אַזוי שטייענדיק דערהויבן איבער דער פּאַנאָראַמע און מיט פאַר־שפּרייטע הענט ווי צום בענטשן, פאַנגט ער אָן רעדן מיט אַ קול ווי פון אַ דונער:

יחזקאל:

איך רעד צו אייך אין נאָמען פון גאָט,
וואָרים אַזוי האָט גאָט געזאָגט: —
דו האַרטע פאַרשטיינערטע ערד
גיב שפּראָצונגען אַרויס,
און איר קברים פון לעבן פון אַמאָל
גיט דעם לעבן דער וועלט צוריק!
וואָרים אַזוי האָט גאָט געזאָגט: —
אין טרויער און ווייטיק
האָט ער לייטערונג
פאַר דער פרייד פון וועלט באַהאַלטן,
און ווי אַ טייערן אוצר פון גאָלד,
פאַרגראָבן אין ערד ווי קברים,
האָט ער חיות פון לעבן פאַרבאָרגן.

און פּלוצים —

וואונדער איבער וואונדער! —

די מצבות נעמען זיך פונאַנדער און צעפאַלן זיך און זייערע איבערגעקערטע זייטן זיינען שטעגלעך, מיט זאַמד אויסגעשאָטן, צווישן בלומען בייטן —

וואונדער איבער וואונדער! —

בלומען פאַרשיידנפאַרביקע: — רויזן, טולפּאַנען, ליליעס, כריזאַנטעמען, פיאַלקן, פאַרגעס־מיך־ניטס און זיי אַלע זיינען צע־וואַקסן אין וואונדערלעכע קאָלירן און אין אַ פאַנטאַסטישער

גרויס.

און עס פאַרשווינדט די גרויקייט און אַנשטאָט איר צעגיסט זיך א וואונדערלעכער ליכט און די גאַנצע פּאַנאָראַמע איז שוין איצט אַן אויסגעפּוצטע און א יום־טובדיק פאַרקליידטע.

און אַנשטאָט דעם יאָמער ניגון פון פריער צעגיסט זיך איצט אין דער נאַטור א פריילעכטס ניגון ביז עקסטאַז: א געמיש פון זילבער גלעקלעך, פליטן טענער, פידל שטימען און געזאַנג פון נאַכטיגאַלס און זשומעריי פון פליגן, און קלינגעריי פון לויפנדיקן וואסן און דאָס שעפּטשען זיך פון גרינע בלעטער פוןביימער.

און פון הינטער די בלומען בייטן באַווייזן זיך —

קינדער!

קינדער פון אַלע פעלקער: בלאָנדע און שווארצע, רויטהויטיקע און געלבהויטיקע, אינגלעך און מיידלעך, קלענערע און גרעסערע, — מיט ליכטיקע אויגן, מיט שמייכלענדיקע פּנימער, מיט לוסטיקע באַוועגונגען, און זיי נעמען זיך פאַר די הענט און טאַנצן צום טאַקט פון דער פריילעכער מוזיק.

און פון דער זייט פון הינטער די בלומען שפּאַצירט זיך ארויס — דער תם ביז גאָר.

אָבער ער איז שוין ניט מער א תם ביז גאָר, נאָר ער איז א שיין קינד, אָנגעטאָן אין קליידער וואָס שימערירן מיט גאָלד און זילבער, מיט דימענטן און בריליאַנטן, און א בלומענקראַנץ איז אויף זיין קאָפּ. און זיין פּנים איז ליכטיק און פריילעך, און זיינע אויגן גלאַנצן און זיין גאַנג איז א טאַנצנדיקער און א פּאַלמען בלאַט איז אין זיין האַנט.

און נאָך אים שפּאַצירן זיך לוסטיקע: א לייב, א וואָלף, א שעפּעלע, א יונג קעלבל און א לעמפּערט. און זיי אַלע צעשטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך און ארומנעמענדיק זיך מיט די פאָדערשטע לאַפּעס, און, ארומנעמענדיק אויך דעם תם ביז גאָר, צעטאַנצן זיי זיך אויך פריילעך צוזאַמען מיט די איבעריקע קינדער.

און יחזקאל שטייט זיך אויף זיין פּיעדעסטאַל און זיינע הענט זיינען פאַרשפּרייט ווי צום בענטשן און א ים מיט ליכט איז אי־

בער אים אויסגעגאָסן.
און אזוי פאַלט אראָפּ דער פאָרהאַנג און דאָס בילד פאַר־
שווינדט.
און בעת אַט דער געשעעניש האָבן יורל, שלמהלע און פייגעלע
זיך ביסלעכווייז גערוקט צו זייערע בעטלעך, און אונטער העם
קלאַנג פון דער פריילעכער מוזיק, זיינען זיי איינגעשלאָפן.
און צוריק איז פאַר אונדז דאָ דער קינדער צימער און דריי
קינדער שלאָפן אין זייערע בעטלעך.
זיי זיינען וואוילע קינדער, גוטע קינדער, קינדער וועלכע האָבן
אין דעם עבר געבליקט און צוקונפט באַנומען —
איז זאָלן זיי זיך שלאָפן געזונטערהייט און לאָמיר זיי זייער
שלאָף ניט שטערן. טאָ זאָל דעריבער פאַלן דער —

פאָרהאַנג

מילוואָקי, וויס., 12־21 פעברואַר, 1930.

Posy & Spiegel Press
2469 W. Lisbon Avenue
Milwaukee, Wis.